בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

דברים חוצבים להבות אש אצל סעודת הודאה

ביום הצלה והשחרור של מרן רבינו זי"ע

## כ"א כסלו תשי"ז

מוצאי שבת קודש פרשת וישב

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ח לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י
מערכת ״לשון קדשו״
מאנטריאל קאנאדא
1-514-585-3040

**קונטרס 43** (מהדורא א)
104

---

## לשמיעת הדברות קודש:

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**
(פון אייראפע +972-72-3333419)

צו הערן די תורה **סעודת הודאה כ״א כסלו תשי״ז**
אַביסל קלאָר

**צו הערן די גאנצע תורה** (1 שעה מיט 8 מינוט)

דרוקט: **1→6→1→9→17→#** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

צו הערן נאר דעם **חלק דברי התעוררות מאות ע׳ עד סוף התורה** (23 מינוט)

דרוקט: **1→6→1→9→172→#** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

---

לע״נ הרה״ח המפואר אשר ספרי רבינו היו שגורים בפיו
הרה״ח ר׳ **אליקים צבי** ב״ר **ישראל משה** ע״ה
**האללענדער**
נפטר כ״א כסלו תשנ״ז

KolSatmar.com

# קושיות ודיוקים בפרשת השבוע

**א**

**קושיא א:**

במדרש פליאה: הַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא ממעשה בלהה

שטייט אין די וואָכעדיגע סדרה:

**וַיָּשָׁב רְאוּבֵן אֶל הַבּוֹר וגו׳ וַיֹּאמַר הַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא.**

זאָגט דער מדרש [פליאה]: **הַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא מִמַּעֲשֶׂה בִּלְהָה.**

פרעגן דאָך אַלע וואָס אַ שייכות האָט דאָס.

**ב**

**קושיא ב:**

מדרש פליאה: בשעה שאמר הקב״ה למשה הֵן קָרְבוּ יָמֶיךָ לָמוּת, אמר יְחִי רְאוּבֵן וְאַל יָמֹת

ב) דער מדרש [פליאה] זאָגט, הקב״ה האָט געזאָגט פאַר משה רבינו הֵן קָרְבוּ יָמֶיךָ לָמוּת (דברים לא, יד), [על זה אומר המדרש] **בְּשָׁעָה שֶׁאָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה הֵן קָרְבוּ יָמֶיךָ לָמוּת, אָמַר יְחִי רְאוּבֵן וְאַל יָמֹת** (דברים לג, ו). [וצ״ב השייכות].

ג

# ביאורים והקדמות להמשך הקושיות

לאָמיר זען [לבאר] דעם גאַנצן ענין פון די וואָכעדיגע סדרה, די גלגולי סיבות פון יוסף הצדיק מיט די ברידער. (המשך הקושיות לקמן אות טו)

ד

## הצלת יוסף הצדיק היה על ידי נסים

מילא ס׳איז דאָך אַ פשיטות, אַלעס איז דאָך געווען נסים ונפלאות וויאַזוי יוסף הצדיק איז ניצול געוואָרן [מהשבטים].

און אין מצרים וואָס ער איז ניצול געוואָרן, טאַקע נאָך דער מעשה [אצל פוטיפר] ס׳שטייט דאָך מ׳האָט אים געוואָלט הרג׳נען, ווי כ׳האָב שוין געשמועסט פריער ביי שלש סעודות פון דעם, ס׳שטייט[א] אַז פוטיפר [רצה להרגו רק ניצל] בדרך נס, ס׳האָט אַ קינד אויסגעזאָגט.

יעדער פרט איז געגאַנגען מיט נסים ונפלאות.

ה

מ׳קען אפשר זאָגן [לבאר קצת ענין ״הנסים״ שנעשו בהצלת יוסף].

---

[א] **בספר הישר** (בפרשתן) וז״ל, ויבא פוטיפר לביתו בחרון אף, ותצעק עליו אשתו לאמר, מה הדבר אשר עשית לי, להביא אל ביתי עבד עברי כי בא אלי היום לצחק בי כזאת וכזאת עשה היום לי, ושמע פוטיפר את דברי אשתו, ויצו להכות את יוסף במכות נמרצות, ויעשו לו כן, והיה בהכותם ויצעק יוסף בקול גדול וישא את עיניו אל השמים ויאמר, ה׳ אלקים אתה ידעת כי נקי אני מכל הדברים האלה, ולמה אמות היום על שקר ביד הערלים הרשעים האלה אשר ידעת אותם. ויהי מדי הכות אותו ויצעק ויבכה, ויהי שם ילד בן י״א חודש, ויפתח ה׳ את פי הילד וידבר לפני אנשי פוטיפר המכים את יוסף כדברים האלה לאמר, מה לכם לאיש הזה ועל מה תעשו לו הרעה הזאת, שקר אמי דוברת וכזב תאמר, וכזה וכזה היה הדבר וכו׳, ואת כל דברי זליכה אשת פוטיפר אל יוסף יום יום הגיד אליהם, וישמעו דברי הילד ויתמהו מאד ויכל הילד לדבר וידום, ופוטיפר נכלם מאד מדברי בנו, ויצו לבלתי הכות את יוסף עוד וכו׳ ויאמרו אין לעבד זה משפט מות כי לא עשה מאומה, אך משפטו אשר יותן בבית הסוהר בעבור השמועה אשר יצאה וכו׳.

KolSatmar.com

במדרש: שהיו שני בורות, אחד מלא צרורות ואחד שיש בו נחשים ועקרבים

ס׳שטייט אין **מדרש**[ב] [על הפסוק] **וַיַּשְׁלִכוּ אֹתוֹ הַבֹּרָה וְהַבּוֹר רֵק אֵין בּוֹ מָיִם** [מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו]. זאָגט דער מדרש, ס׳איז געווען צוויי בורות, איין בור איז געווען **מלא צרורות**, און איין בור איז געווען [מלא] **נחשים ועקרבים**. [עיין להלן (אות ז)].

**ו**

בזה מיושב מה שהקשו, איך צוה ראובן לְסַכֵּן את יוסף ולהשליכו בבור

מיט דעם איז לכאורה פאַרענטפערט, מיט דעם מדרש, [דאָס] וואָס זיי פלאָגן זיך אַלע מפרשים, ראובן איז [דען] געגאַנגען מציל זיין מ׳זאָל אים אַריינוואַרפן אין אַ בור פון נחשים ועקרבים?.

מילא אויף דעם, שטייט דאָך [בזוהר (דף קפה.), ובאור החיים הקדוש (לז, כא), לתרץ] ווייל ער האָט געוואָלט מציל זיין פון אַ בעל בחירה [וידע שינצל מנחשים ועקרבים שאינם בעלי בחירה].

אָבער אַלץ [=מכל מקום] לכתחילה וויאַזוי גייט מען אַריינוואַרפן, ס׳איז דאָך אַ מקום סכנה.

זאָגן זיי [לתרץ] ווייל ער האָט געוואוסט ער איז אַ צדיק [ולא יזיקו אותו].

[ומכל מקום עדיין קשה] ס׳איז דעך דאָך אַ מקום סכנה, וואָס קאָן מען וויסן, השטן מקטרג בשעת הסכנה[ג], אַזוי פרעגן דאָך אַלע די קשיא, מ׳זאָגט תירוצים.

[אמנם] מיט דעם מדרש איז עס פאַרענטפערט, דער מדרש זאָגט ס׳איז געווען צוויי בורות, קען זיין האָט ער אים אַריינגעוואָרפן אין אַזאַ בור [מלא צרורות, ובזה לא היה סכנה].

**ז**

צ״ב למאי נפקא מינה אם היו שם עוד בורות, והלא השליכו אותו רק לבור אחד

נאָר וואָס איז עפּעס דאָס ענין פון די צוויי בורות, למאי נפקא מינה, וואָס איז אַ נפקא מינה אַז ס׳איז דאָ צוויי בורות, וואָס איז מיר אַ נפקא מינה, דער עיקר מ׳האָט אים אַריינגעוואָרפן אין אַ בור.

דער מדרש דרש׳נט עס [שהיו שני בורות] פונעם פסוק, **הַבֹּרָה וְהַבּוֹר**[ד]. [אבל למאי נפקא מינה כמה בורות היו שם].

**ח**

ישוב הלשון שאמר ראובן הַשְׁלִיכוּ אֹתוֹ אֶל הַבּוֹר ״הַזֶּה״

נאָר איך מיין אפשר, וואָרן לעולם מ׳פרעגט טאַקע די קשיא [דכתיב וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם רְאוּבֵן וגו׳ הַשְׁלִיכוּ אֹתוֹ אֶל ״הַבּוֹר הַזֶּה״, והיה לו לומר אֶל בּוֹר], **מ׳האָט אים געוואָרפן אין אַ בור אַריין, ער האָט אים אַריינגעוואָרפן** [ומהו הכוונה שאמר אֶל הַבּוֹר ״הַזֶּה״ דייקא].

[ולפי המדרש הנ״ל יובן] לעולם ראובן האָט אַריינגעקוקט **אֶל הַבּוֹר הַזֶּה, הַשְׁלִיכוּ אֹתוֹ אֶל הַבּוֹר ״הַזֶּה״**, אַ מיעוט, ער האָט טאַקע געהייסן אַריינוואַרפן אין ״דעם״ בור, וואָס ס׳איז נישטאָ קיין נחשים ועקרבים.

---

[ב] **במדרש** (בר״ר פד, טז) וַיַּשְׁלִכוּ אֹתוֹ הַבֹּרָה וְהַבּוֹר רֵק אֵין בּוֹ מָיִם, מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו, שני בורות היו אחד מלא צרורות ואחד מלא שרפים ועקרבים.

[ג] כדאיתא בירושלמי (שבת פב.), ובמדרש (בר״ר צ, א). והובא ברש״י פ׳ מקץ (מב ד) ופ׳ ויגש (מד כט).

[ד] עיי״ש במפרשי המדרש, בעץ יוסף, ובפירוש מהרז״ו, ובנחמד למראה, שכן פירשו בכמה אופנים.

KolSatmar.com

## ט
## הנחשים ועקרבים באו לבורו של יוסף הצדיק

נאָר וואָס׳זשע דען [מצינו שכוחות הטומאה שונאים לצדיקים, ורוצים להזיקם].

ס׳שטייט (ברכות מג:) אַ **תלמיד חכם אל יצא יחידי בלילה**, אַן אַנדערן איז נישט אַזוי געפערליך [שיצא יחידי, ווייל] די מזיקים זענען נישט נתקנא, אָבער ביי אַ תלמיד חכם [הם מקנאים בו].

אייביג די כוחות הטומאה האָבן פיינט אַן ערליכן איד, אַ צדיק איבערהויפּט. ווי דער **רבינו יונה** זאָגט[ה] דאָס איז דער מבחן פון וועלעכן שורש מ׳איז, **לְפִי מַהֲלָלוֹ** [היינו את מי שמהלל, זהו סימן שמשם שורשו, ומי שמקורו רע שונא להצדיק].

איבערדעם די אַלע נחשים ועקרבים זענען דאָך פון די כוחות הטומאה [לכן שונאים את הצדיק].

[וכעין זה מצינו בגמרא (סנהדרין קח:) על הפסוק וַיְשַׁלַּח אֶת הַיּוֹנָה מֵאִתּוֹ] **מכאן שדירתן של צדיקים אצל עופות טהורים**. מ׳מיינט נישט ער וואוינט אין אַ שטייג פון עופות, נאָר מיטן שורש הייסט ער וואוינט דאָרטן. וואו די מחשבה איז, דאָרט וואוינט מען דאָך, ווי דער **רמב״ן** זאָגט (לענין עירוב תחומין, עירובין יז:). [ועכ״פ רואין ששורש טוב מקומו אצל צדיקים, ולהיפוך הטמאים רוצים להזיקן].

איבערדעם אים האָט מען געלייגט אַמאָל אין אַ בור וואָס ס׳איז ׳נישט׳ געווען קיין נחשים דאָרט, נאָר די נחשים ועקרבים האָבן דערשפּירט אַז דאָרט דערנעבן איז דאָ אַזאַ גרויסער צדיק, נו וועלן זיי לאָזן אַזוי?, זענען זיי אַלע אַריבער געגאַנגען אַהין און זיי האָבן זיך אַלע גענומען צו אים.

וואָרן אַ ערליכער איד, אַלע נחשים ועקרבים אַז זיי שפּירן נאָר אַז ס׳איז ערגעץ דאָ אַן ערליכער איד [רוצים להזיקו].

[וכן מצינו אצל רבי עקיבא], ווי ער האָט געזאָגט[ו] **מי יתן לי תלמיד חכם ואנשכנו כחמור, כשהייתי עם הארץ**.

זענען די אַלע נחשים ועקרבים אַריבער געגאַנגען אַהין.

נו אָבער ווען זיי זענען געקומען אַהין האָבן זיי אים נישט געקענט אָנרירן, ס׳איז דעך דאָך געווען יוסף הצדיק, דער כח [הקדושה] איז געווען אַזוי גרויס, זיי האָבן נישט געקענט.

איז געווען אַ טאָפּלט נס, אַן אומגעווענליכע זאַך, קודם איז געווען אַ נס וואָס זיי האָבן אים געטוהן דערשנאַפּן, זיי זענען דאָך אַהינגעגאַנגען, און דערנאָך איז געווען אַ נס [אַז] זיי זענען יאָ געגאַנגען [ועם כל זאת לא יכלו להזיקוהו].

---

[ה] **בשערי תשובה** (השער השלישי, אות קמח) מַצְרֵף לַכֶּסֶף וְכוּר לַזָּהָב וְאִישׁ לְפִי מַהֲלָלוֹ. פֵּרוּשׁוֹ, מַעֲלוֹת הָאָדָם לְפִי מַה שֶּׁיְּהַלֵּל. אִם הוּא מְשַׁבֵּחַ הַמַּעֲשִׂים הַטּוֹבִים, וְהַחֲכָמִים, וְהַצַּדִּיקִים, תֵּדַע וּבָחַנְתָּ כִּי אִישׁ טוֹב הוּא, וְשֹׁרֶשׁ הַצֶּדֶק נִמְצָא בוֹ, כִּי לֹא יִמְצָא אֶת לִבּוֹ רַק לְשַׁבֵּחַ אֶת הַטּוֹב וְהַטּוֹבִים תָּמִיד בְּכָל דְּבָרָיו, וּלְגַנּוֹת אֶת הָעֲבֵרוֹת, וּלְהַבְזוֹת בַּעֲלֵיהֶן (מִבְּלִי מָאוֹס בָּרָע וּבָחוֹר בַּטּוֹב), וְאִם יִתָּכֵן [=והגם] כִּי יֵשׁ בְּיָדוֹ עֲוֹנוֹת נִסְתָּרִים, אֲבָל מֵאוֹהֲבֵי הַצֶּדֶק הוּא, וְלוֹ שֹׁרֶשׁ בִּבְחִירָה [טובה], וְהוּא מֵעֲדַת מְכַבְּדֵי הַשֵּׁם. - [אמנם] וְהַמְשַׁבֵּחַ מַעֲשִׂים מְגֻנִּים, אוֹ מְהַלֵּל רְשָׁעִים, הוּא הָרָשָׁע הַגָּמוּר וְהַמְחַלֵּל אֶת עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

[ו] **בפסחים** (מט:) אמר רבי עקיבא, כשהייתי עם הארץ אמרתי, מי יתן לי תלמיד חכם ואנשכנו כחמור.

KolSatmar.com

### י
ביאור המדרש שהיה שני בורות

איבערדעם איז רעכט [מה שהקשינו (באות ז)], איבערדעם זאָגט ער [ביתור הכתוב, ובמדרש] ס'איז געווען צוויי בורות, אַז נישט איז די קשיא וואָס האָט ער עפּעס געהייסן אים אַריינוואַרפן צווישן נחשים ועקרבים, [אבל באמת] ער האָט אים געהייסן אַריינוואַרפן אין אַ גרוב [שלא היו בו נחשים ועקרבים], אָבער פלוצים האָט ער זיך דערזען ס'איז געווען מים אין בו [ונחשים ועקרבים יש בו].

איבערדעם [אמר הפסוק] וַיַּשְׁלִכוּ אֹתוֹ הַבֹּרָה. און ס'שטייט נאָכאַמאָל [וְהַבּוֹר רֵק אֵין בּוֹ מָיִם, דלכאורה] זאָל ער זאָגן וישליכו אותו לבור ריק אין בו מים, וואָס שטייט הַבֹּרָה וְהַבּוֹר. [וכדי לתרץ זאת] דרש'נט דער מדרש, אַז ס'איז געווען צוויי [בורות], מ'האָט אים געוואָרפן אין אַ בור [של צרורות, ואח״כ באו נחשים ועקרבים].

### יא
סיום הענין שהצלת יוסף היה ע״י נס כפול

יהיה איך שיהיה ער האָט געהאַט טאָפּלטע נסים.

דער **חתם סופר** זאָגט[י] [לפרש הפסוק] נָתַתָּה לִּירֵאֶיךָ נֵּס לְהִתְנוֹסֵס (תהלים ס, ו), ס'איז געווען אַ נס, די צרה איז געווען אַ נס [לפורעניות], און נאָך דער צרה איז געווען נאָכדעם אַ נס די הצלה, איז דאָס נֵס לְהִתְנוֹסֵס.

אַזוי איז געווען טאַקע ביי יוסף הצדיק, וואָרן דאָרט האָט נישט געדאַרפט צו זיין קיין נחשים ועקרבים [ובאו על ידי נס, וניצל מזה על פי נס].

נאָר דאָס ענין דערפון [של פלוגתת השבטים, צריך עוד הסבר].

### יב
**הקדמה לקושיא ג:**
דהגם שהכל היה מן השמים צריך ביאור סברת השבטים

אגב האָב איך אַזוי אינזין געהאַט היינט.

אויפ'ן ענין אַליין [של יוסף עם אחיו השבטים הקדושים] האָב איך נישט געזען לפי עניות דעתי קיין תירוץ מספיק.

אמת הדבר ס'איז געווען אַלעס מן השמים, ס'האָט אַזוי געברויכט צו זיין מ'זאָל פאַרקויפן יוסף'ן קיין מצרים, ווי דער מדרש זאָגט (בר״ר פו, ב), מ'האָט געברויכט צו זיין אין גלות מקיים צו זיין די גזירה כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ (בראשית טו, יג).

[ואיתא בגמרא (שבת פט.)] ראוי היה [יעקב אבינו] לירד בשלשלאות של ברזל נאָר [אלא שזכותו גרמה לון].

ער איז נאָכגעגאַנגען, דאָס משל מיט דער פרה ווי דער **מדרש** [תנחומא] זאָגט מיטן עגל[ח].

---

[י] **בספר הזכרון** נכתב דרשה מהחתם סופר (ט' תמוז תקצ״ז) בעיר פרעשבורג לאחר המלחמה, ואמר כי בדרך כלל עושה השי״ת נסים להציל צדיק מהרעות שבאו במקרה העולם, ולפעמים נעשה נס לפורעניות להכרית רשע וכדומה, אמנם לעשות לצדיקים נס שיהיו בתוך צרה, ואח״כ לעשות נס שינצלו זהו דבר פלא. וכן היה בעיר פרעשבורג שמה שזרקו חצים על הבתים לא היה בתכסיסי מלחמה רק בדרך נס לפורעניות, אמנם נגד זה נעשה נס לטוב, שלא ניזק איש בגופו, גם הפסד הבנינים היו מעט מזעיר בבתי היהודים, וא״כ קשה מה רצה בזה השי״ת. ומבאר כי אין זה רק כאשר ייסר איש את בנו שישימו אל לבם לעשות תשובה, ובזה פירש הפסוק נָתַתָּה לִּירֵאֶיךָ נֵּס לְהִתְנוֹסֵס מִפְּנֵי קֹשֶׁט סֶלָה (תהלים ס, ו) דהקב״ה עשה נס לפורעניות, כדי שתוכל לעשות נס לטובה, והטעם מפני קושט סלה, שיתקשטו המעשים ע״כ תו״ד.

KolSatmar.com

אמת ס'האָט אַלעס אַזוי געברויכט צו זיין, ווי דער מדרש זאָגט [על הפסוק] וְיוֹסֵף הוּרַד מִצְרָיְמָה, [זה שאמר הפסוק (תהלים סו, ה)] נוֹרָא עֲלִילָה עַל בְּנֵי אָדָם, ס'שטייט אין **מדרש תנחומא** אין די וואָכעדיגע סדרה[ט], הקב״ה האָט אַזוי געוואָלט און ער האָט געברענגט דערצו אַן עֲלִילָה.

אדם הראשון זאָגט ער, איז אויך דאָס זעלבע געווען, דער מלאך המות איז נאָך באַשאַפן געוואָרן דעם ערשטן טאָג, דעם ערשטן טאָג איז ער נאָך באַשאַפן געוואָרן, צום סוף האָט מען אָנגעהאָנגען אַז אדם הראשון האָט גורם געווען די מיתה, דורכ'ן חטא. ס'איז אַזוי געווען מן השמים, האָט מען אַזוי צוגעפירט, און דער חטא האָט געברויכט צו זיין. אַזוי שטייט דאָ די וואָך אין מדרש תנחומא.

יג

## ביאור דברי התנחומא: שמלאך המות נברא ביום ראשון

דאָ איז מיר קשה געווען [על המדרש תנחומא], **רש״י** זאָגט דאָך (בראשית א, א), [און] דער מדרש (בר״ר פג, ח) זאָגט דאָך [דלכן כתיב] **וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר**] **יוֹם אֶחָד**, [ולא נאמר יום ראשון, להורות] אַז דעם ערשטן טאָג איז נאָכנישט געווען קיין שום מלאך, כדי מ'זאָל נישט זאָגן [שהיה] עפּעס אַ שותף להקב״ה במעשה בראשית.

נו וויאַזוי איז דאָס אַז דאָ שטייט אין מדרש אַז דער "מלאך המות" איז נאָך געווען דעם ערשטן טאָג.

נאָר האָב איך געקלערט פאַרדעם, ווייל מ'האָט דאָך געוואָלט באַוואָרענען מ'זאָל נישט זאָגן [שהיה איזה שותף במעשה בראשית], דער מלאך המות איז דאָך דער ס״מ, דאָס האָט מען זיך נישט גירעכט [שגם עליו יטעו לומר שהיה שותף במעשה בראשית], דאָס וועט קיינער נישט זאָגן אַז דער ס״מ טוט עפּעס אויף גוטס, אַז דאָס וואָס ס'שטאַמט פון ס״מ אַז פון דעם זאָל אַרויסקומען עפּעס בריאת שמים וארץ, עפּעס גוטע זאַכן, דאָס האָט מען נישט מורא געהאַט.

פאַר אַ מלאך קדוש האָט מען מורא געהאַט, פון אים קאָן עפּעס אַרויסקומען גוטס וועט מען זאָגן ער איז געווען אַ שותף להקב״ה במעשה

---

[ח] **בתנחומא** (סימן ד) וְיוֹסֵף הוּרַד מִצְרָיְמָה, זה שאמר הפסוק (תהלים סו, ה) לְכוּ וּרְאוּ מִפְעֲלוֹת אֱלֹקִים נוֹרָא עֲלִילָה עַל בְּנֵי אָדָם וכו׳. וא״ר יודן היה הקב״ה מבקש לקיים גזירת יָדֹעַ תֵּדַע, והביא עלילה לכל דברים אלו, כדי שיאהב יעקב את יוסף וכו׳ ויורידוהו למצרים וישמע יעקב שיוסף חי במצרים וירד עם השבטים וישתעבדו שם, הוי וְיוֹסֵף הוּרַד מִצְרָיְמָה, אל תקרי הוּרַד אלא הוֹרִיד את אביו והשבטים למצרים. אמר רבי תנחומא למה הדבר דומה, לפרה שמבקשין ליתן עול בצוארה, והיא מונעת העול מן צווארה, מה עשו, נטלו את בנה מאחריה ומשכו אותה לאותו מקום שמבקשין בו לחרוש, והיה העגל גועה, שמעה הפרה בנה גועה, הלכה שלא בטובתה בשביל בנה, כך הקב״ה היה מבקש לקיים גזירת יָדֹעַ תֵּדַע, והביא עלילה לכל אלו הדברים, וירדו למצרים ופרעו את השטר, לכך נאמר וְיוֹסֵף הוּרַד מִצְרָיְמָה.

[ט] **במדרש תנחומא** (שם סימן ד) וְיוֹסֵף הוּרַד מִצְרָיְמָה, זה שאמר הפסוק (תהלים סו, ה) לְכוּ וּרְאוּ מִפְעֲלוֹת אֱלֹקִים נוֹרָא עֲלִילָה עַל בְּנֵי אָדָם. אמר רבי יהושע בן קרחה אף הנוראות שאתה מביא עלינו בעלילה את מביאן, בא וראה כשברא הקדוש ברוך הוא את העולם מיום הראשון ברא מלאך המות, מנין אמר רבי ברכיה משום שנאמר וְחֹשֶׁךְ עַל פְּנֵי תְהוֹם (בראשית א, ב) זה מלאך המות המחשיך פניהם של בריות, ואדם נברא בששי, ועלילה נתלה בו שהוא הביא את המיתה לעולם שנאמר (שם ב, יז) כִּי בְּיוֹם אֲכָלְךָ מִמֶּנּוּ מוֹת תָּמוּת, משל וכו׳ אף כך אמר אדם לפני הקב״ה, רבונו של עולם עד שלא בראת עולמך קודם שני אלפים שנה היתה תורה אצלך אָמוֹן וכו׳ וכתיב בה (במדבר יט, יד) זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל, אלולי שהתקנת מות לבריות היית כותב בה כך? אלא באת לתלות בי את העלילה, הוי נורא עלילה על בני אדם.

KolSatmar.com

בראשית, [אבל] אַז דער ס״מ איז געוואָרן גאָר אַ שותף, אַז דאָס וואָס איך ווייס זיכער פון ס״מ אַז ס׳שטאַמט, דאָס האָט מען זיך נישט גירעכט.

איבערדעם אים האָט מען געלאָזט אפילו דעם ערשטן טאָג, ער מעג באַשאַפן ווערן, וואָרן אים וועט מען קיינמאָל נישט רעכענען פאַר קיין שותף, פאַר וועם זאָל איינפאַלן דאָס, מ׳האָט זיך נישט גירעכט אויף דעם אפילו.

**היינט קאָן אפילו דאָס אויך איינפאַלן, היינט קאָן דאָך אפילו דאָס אויך איינפאַלן מ׳זאָל רעכענען אַז פון דאָרט קומט אַרויס גוטס, צי עפּעס גאָר אפילו אַ גאולה איך ווייס וואָס קען אַרויסקומען, אָבער פריער האָט מען נישט גערעכנט אויף דעם.**

**יד**

**המשך ההקדמה לקושיא ג**

להבין מה היה חשבון השבטים וסברתם

ויהיה איך שיהיה ס׳האָט אַזוי געברויכט זיין, אָבער אף על פי כן דאָס ענין דערפון, ס׳העט טאַקע נישט גיווען געווען, ס׳איז בלויז געווען אַ סיבה מן השמים.

אַזוי ווי כ׳האָב מסביר געווען טאַקע ביי שלש סעודות[י] דעם תוספות אין בבא קמא[יא] ס׳איז אַ זכות און אַ עבירה, איין זאַך [לידור בנזיר], זאָגט תוספות, די זעלבע זאַך קען זיין אַ זכות און אַן עון, פון איין זייט איז עס אַ זכות, און פון איין זייט איז עס אַן עון. (עיין לקמן אות סו)

[וכמו כן במכירת יוסף] ס׳איז געווען אַ זכות, ס׳שטייט דאָך אַרויס אין **מדרש** אַז דער מכירת יוסף איז געווען אַ זכות, ס׳שטייט אין מדרש רבה פרשת נשא (יג, יז) זאָגט ער[יב] מגלגלין זכות על ידי זכאי, איבערדעם האָט מען דורך זיי [השבטים, נתגלגל מכירת יוסף]. זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום אַנדערע עבירה נאָר די איינע, פונדעסטוועגן די איינע עבירה האָבן זיי פאַרדעם געטוהן ווייל מגלגלין זכות על ידי זכאי. - דאָס איז געווען אַ זכות וואָס ער האָט געדאַרפט פריער קומען קיין מצרים, ס׳איז געווען אַ גרויסער זכות.

און פאַרוואָס זענען זיי נענש געוואָרן, אַזוי ווי כ׳האָב עס שוין ביי שלש סעודות מסביר געווען, כ׳וועל נישט איבער׳חזר׳ן, אַזוי ווי כ׳האָב שוין פריער גערעדט. ס׳איז פאַרהאַנדן ״איין זאַך״ [שיש באותו דבר זכות וגם עון], אַזוי ווי אַ

---

[י] פרשת וישב תשי״ז (נדפס בחידושי תורה תשי״ז עמוד רעט ד״ה ונ״ל).

[יא] **בתוספות** (צא: ד״ה אלא) וז״ל, בפ״ק דנזיר (דף ג.) פריך נזירות מילתא דעבירה וכו׳ אבל נזיר טהור לאו חוטא קרי ליה. ואומר רבינו תם דהא דקאמר ״דלא הוי חוטא״, היינו שמצוה גדולה מן העבירה דמצוה לידור וכו׳, ומכל מקום קצת יש חטא, מידי דהוי <u>אמתענה תענית חלום בשבת</u> שקורעין גזר דינו ונפרעין ממנו תענית של שבת, מאי תקנתיה ליתיב תענית לתעניתא, שהמצוה גדולה מן העבירה.

[יב] **במדרש רבה** (במד״ר יג, יז) וז״ל: אף על פי שאירע לשבטים שבא לידיהם מכירת יוסף, את סבור שלא היה בא לידם אותו המעשה אלא אם כן היו רשעים במעשה אחרים, לאו אלא צדיקים גמורים היו, ולא בא לידם חטא מעולם אלא הוא, הדא הוא דכתיב וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו אֲבָל אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ וגו׳ (מב, כא). שהיו מפשפשים בעצמם למה אירע להם תפיסת מצרים, ולא מצאו אלא זה בלבד, ומתוך גנותם סיפר הכתוב שבחם, שלא היה בידם עון אלא זה בלבד. ולפי שמכירת יוסף זכות היה לו, שהיא גרמה לו למלוך, וזכות היתה לאחיו ולכל בית אביו שכלכלם בלחם בשני רעבון, לכך נמכר על ידם שמגלגלין זכות על ידי זכאי, עכ״ל המדרש.

KolSatmar.com

תענית חלום שבת למשל. תוספות אַליין ברענגט די ראיה [מתענית חלום], אַז ס'האָט אַ תועלת [שקורעין גזר דינו], און פונדעסטוועגן איז עס דאָך אַ פגם, ס'פעלט דאָך דער עונג שבת, מוז מען נאָך עפּעס ליידן דערפאַר, מוז מען מיתב תענית לתעניתו זיין [שצריך להתענות עוד תענית, לכפר על שהתענה בשבת].

טו

קושיא ג: מה היה סברת השבטים שדנו אותו למיתה

ג) יהיה איך שיהיה אַלדינגס איז אמת [שהיה מן השמים, והיה זכות גדול], אָבער דאָך ס'איז שווער צו פאַרשטיין וויאַזוי אַרויף, ס'מוז דאָך האָבן אַ טעם.

למשל ביי תמר'ן אַז ס'האָט אַזוי געמוזט זיין [מן השמים], טאַקע ביי יהודה'ן העט נישט געווען געקאָנט פאָרקומען אַזאַ מעשה לגודל קדושתו, אָבער אף על פי כן [טרחו המפרשים ליישב, אֵיךְ] על פי הלכה האָט עס אויסגעהאַלטן, אַזוי ווי אַלע ראשונים זענען עס מסביר אַז ס'איז געווען [על ידי קידושין] מיט עדות[יג], ס'האָט אויסגעהאַלטן על פי הלכה. נאָר וואָס דען ס'איז 'דאָך' נישט געווען אַ מעשה וואָס ס'איז געווען [ראוי ליהודה], ס'העט נישט געווען פאַסירט פאַר יהודה'ן פאַר אַזאַ קָדוֹשׁ הַקְּדוֹשִׁים, נאָר ס'איז געווען מן השמים שטייט (בר"ר פה, ח), ס'איז געווען אַ הכרח מ'האָט אים גאָר צוגענומען די בחירה. אָבער ס'מוז האָבן אַ תירוץ.

און וויאַזוי איז מעגליך די י"ב שבטי קה זאָלן וועלן הרג'נען אַ נפש מישראל, ס'מוז דאָך האָבן אַ תירוץ, איבערהויפּט יוסף'ן וואָס ער איז אַ נפש צדיק, שפיכות דמים, מוז מען דאָך האָבן עפּעס, ס'מוז דאָך האָבן אַ טעם אַז מ'זאָל אים פסק'נען על פי הלכה, ס'האָט דאָך געמוזט אויסהאַלטן על פי הלכה, שלא כהלכה איז דאָך נישט פאַרהאַנדן מ'זאָל זאָגן זיי זאָלן גיין חלילה הרג'נען אַ נפש צדיק שלא כהלכה. (המשך קושיא ג לקמן אות )

טז

## וַיִּשְׂנְאוּ אֹתוֹ: האיך מותר לשנוא אדם מישראל?

דער וַיִּשְׂנְאוּ אֹתוֹ איז דאָך אויך לכאורה שווער [דאפילו "לשנוא" אדם מישראל גם כן אסור].

די גמרא זאָגט[יד] כִּי תִרְאֶה חֲמוֹר שֹׂנַאֲךָ [עָזֹב תַּעֲזֹב עִמּוֹ]. פרעגט די גמרא שֹׂנַאֲךָ ווי קאָן דאָס זיין, [והכתיב] לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ, מ'טאָר נישט פיינט האָבן

---

[יג] **בדעת זקנים לבעלי התוספות** (לח, יז) וז"ל: ותאמר אם תתן ערבון, יש מפרשים שבא עליה בקידושין, וכן מפרשים מה תתן לי כי תבוא אלי, כלומר במה תקדשני, ויאמר אנכי אשלח גדי עזים וגו', ותאמר אם תתן ערבון וגו' ויאמר וגו' ותאמר חותמך ופתילך וגו', פי' טבעתך שאתה חותם בה, וקדשה בטבעת. ותימה להרב רבי משה וכי מה הועילו הקידושין, והרי צריכים עדים ואפילו שניהם מודים, כדאיתא במסכת קדושין?. ויש לומר דמסתמא אדם חשוב כיהודה לא היה יוצא לדרך בלא שנים, רעהו ואחר עמו, כמו תלמיד חכם, וקדשה בפניהם. ואם תאמר ואכתי היאך הועילו הקדושין והלא לא מסר לה הטבעת אלא בתורת משכון, ואמרינן בקדושין קדשה בפרוטה והניח משכון עליה אינה מקודשת. ויש לומר שהקנה לה הטבעת באותה שעה לגמרי, אמנם לאחר מכן התנה עמה שאם שולח גדי עזים שתחזיר לו הטבעת כנ"ל, עכ"ל. וכן הוא בפי' הריב"א עה"ת. ועיין עוד בילקוט דוד דיש מפרשים שהיו קידושי ביאה בעדים. ועיין במהרש"א (סוטה י.).

[יד] **בפסחים** (קיג:) וז"ל, כִּי תִרְאֶה חֲמוֹר שֹׂנַאֲךָ רֹבֵץ תַּחַת מַשָּׂאוֹ וגו' (שמות כג, ה). מאי שונא וכו', פשיטא שונא ישראל, ומי שריא למסניה? והכתיב (ויקרא יט, יז) לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ, אלא, דאיכא סהדי

אַ איד, ווייטער [אם אף על פי כן שונאו], אטו ברשיעי עסקינן, מ'רעדט דאָך נישט פון קיין רשעים, אַז ער האָט פיינט אַ איד איז ער אַ רשע, לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ, אַזוי פרעגט די גמרא.

ענטפערט די גמרא ס'איז [השנאה] מחמת אַ דבר עבירה, פרעגט די גמרא אַז ס'איז חלילה ער האָט געטוהן אַן עבירה איז ער עפעס 'דיין' שונא, דאַרף דאָך אים 'יעדער' פיינט האָבן. ענטפערט די גמרא ניין, ס'איז נישטאָ קיין עדות, נאָר 'ער' האָט עס נאָר געזען, ער האָט אים געזען טאָן די עבירה.

די גמרא פירט אויס אַזוי, און אַזוי ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך.

יז

ס'איז אַ פלא [דאָס לשון] אין **שלחן ערוך** זאָגט ער אַזוי[טו] - און אין רמב"ם (הל' רוצח יג, יד) איז דאָס לשון אויך אַזוי -, אין שלחן ערוך אַקעגן מצות טעינה ופריקה [אמר המחבר], אפילו דו האָסט אים געזען טאָן אַן עבירה, [וממילא] איז דאָך מצוה לשנאותו, פונדעסטוועגן מוזטו אים העלפן, דו מוזט אים אַרויסהעלפן, ווילאַנג ער איז נאָך [נלוה] אל ה' און ער איז מאמין בעיקרי הדת מוזטו אים העלפן.

קומט דאָך אויס, טרעפט מען דאָ דריי חילוקים, טאַקע אין דעם מחבר:

א. האָט ער נישט קיין עבירה, פאַר אַן אַנדערע זאַך **סתם** אַז מ'האָט פיינט אַ איד, איז מען אַ רשע, אַזוי ווי רש"י זאָגט (עיין רשב"ם שם).

ב. זעט מען אַן **עבירה**, נישט קיין אפיקורסות [שנלוה אל ה' ומאמין בעיקר הדת] נאָר סתם אַן עבירה "בזדון", איז מצוה לשנאותו, אָבער העלפן ברויך מען אים.

ג. חלילה אַז ס'איז לא עלינו **מינות**, דעמאָלטס איז דאָך גאָר מורידין ולא מעלין (ע"ז כו:). ס'איז דאָ דריי חילוקים [שנלמד מהמחבר בשו"ע].

ד. ס'איז דאָ נאָך אַ חילוק, **מסיתים ומדיחים** איז דאָך נאָך אַרגער, אויף די טאָר מען גאָרנישט געפונען קיין שום זכות, מלמד זכות זיין (רמב"ם סנהדרין יא, ה), ס'שטייען די אַלע פרטים.

יח

יהיה איך שיהיה ביי יוסף הצדיק שטייט "וישנאו אותו", לכאורה וויאַזוי מעג מען פיינט האָבן אַ איד?!.

יש ליישב דלסברתם חשבו שראו בו דבר עבירה, דאז מותר לשנאותו

ס'קען זיין לשיטתם האָבן זיי געזען אין אים אַ דבר עבירה, [דאז מותר לשנאותו כנ"ל בגמרא].

---

דעביד איסורא, כולי עלמא נמי מיסני סני ליה, מאי שנא האי, אלא לאו כי האי גוונא, דחזיא ביה איהו דבר ערוה. פרש"י הרואה דבר ערוה בחבירו יחידי, אף על פי שאינו רשאי להעיד, מותר לשנאתו.

[טו] **בשולחן ערוך** (חושן משפט סימן רעב, יא) השונא האמור בתורה, לא מעובדי כוכבים הוא אלא מישראל. והיאך יהיה לישראל שונא (מישראל), והכתוב אומר לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ, אמרו חכמים, כגון שראהו לבדו שעבר עבירה והתרה בו ולא חזר, הרי מצוה לשנאותו עד שיעשה תשובה וישוב מרשעתו. ואף על פי שעדיין לא עשה תשובה, אם מצאו נבהל במשאו מצוה לטעון ולפרוק עמו, ולא יניחנו נוטה למות, שמא ישהה בשביל ממונו ויבא לידי סכנה, והתורה הקפידה על נפשות ישראל בין רשעים בין צדיקים, מאחר שהם נלוים אל ה' ומאמינים בעיקר הדת, שנאמר (יחזקאל יח, כג), אֱמֹר אֲלֵיהֶם חַי אָנִי נְאֻם ה' אֱלֹקִים אִם אֶחְפֹּץ בְּמוֹת הָרָשָׁע כִּי אִם בְּשׁוּב רָשָׁע מִדַּרְכּוֹ וְחָיָה.

KolSatmar.com

יט

בלשון הפסוק מפורש ששנאו את יוסף "כִּי אֹתוֹ אָהַב אֲבִיהֶם", וא"כ צ"ב הלא אסור לשנוא בשביל דבר זה?

נאָר אָבער, דאָס לשון אינעם פסוק איז שווער. (עיין עוד אות מט)

**וַיִּרְאוּ אֶחָיו כִּי אֹתוֹ אָהַב אֲבִיהֶם**, ווייל זיי האָבן געזען ער [יעקב אבינו] האָט אים ליב [לכן] **וַיִּשְׂנְאוּ אֹתוֹ**. זעט דאָך אויס אַז דאָס איז דער טעם.

[ווייל אויב] האָבן זיי געהאַט אַן אַנדערן טעם, איז דאָך עיקר חסר מן הספר, וואָס זאָגט ער אַזאַ טעם [כִּי אֹתוֹ אָהַב אֲבִיהֶם] וואָס מ'טאָר נישט [לשנוא בעבור זה], איבערהויפּט מ'טאָר דאָך נישט, ווען דאָס העט אויך געווען אַ היתר [היה מקום לומר אַז] לאָזט ער איבער דעם טעם [השני, אבל] דאָס איז דאָך אַן איסור, פאַרדעם ווייל ער האָט יענעם ליב [ישנאו אותו]?!, דאָס שטייט דאָך אַרויס אין די גמרא [הנ"ל בפסחים] אַז ס'קען נישט זיין [וּמִי שַׁרְיָא לְמִסְנְיֵיה].

ס'זעט אויס אין פסוק מ'האָט אים פיינט געהאַט פאַר קנאה, ווייל ער האָט אים ליב געהאַט, דאָס איז דאָך נישט פאַרהאַנדן, איך טרעף דאָך נישט קיין אַנדערן תירוץ [שיכול לשנוא אדם מישראל] נאָר פאַר אַ דבר עבירה.

האָבן זיי [השבטים] ווידעראום געזען אַן עבירה?, העט דאָך געווען געדאַרפט צו זאָגן דער פסוק, זיי האָבן געזען אין אים אַן עבירה האָבן זיי אים פיינט געהאַט. [דלטעם המבואר בפסוק] וואס האָט ער דען געזינדיגט אַז דער פאָטער האָט אים ליב געהאַט מכל אחיו, ער איז געווען אַ בֶּן זְקֻנִים, דאָס איז דאָך נישט קיין עבירה, קען איך דאָך נישט זאָגן זיי האָבן אים פאַר דעם פיינט געהאַט, ווי איז דאָס פאַרהאַנדן אַז די הייליגע שבטים האָבן געטוהן אַזוינס וואָס מ'הייסט חלילה דערפאַר אַ רשע.

כ

ויש ליישב שלא היה שונאים אותו ממש, רק שלא אהבו אותו כשאר השבטים

נאָר דאָס העט מען נאָך געקאָנט ענטפערן דאָס, וואָרן דער ראב"ד זאָגט, דער **בית יוסף** אין סימן ר"מ אין אורח חיים ברענגט דעם **ראב"ד**, זאָגט דער ראב"ד ס'שטייט (וישלח כט, לא) **וַיַּרְא ה' כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה**, ווי איז פאַרהאַנדן אַז זי איז געווען [פאַר]פיינט, [דהלא אם כן] זענען זיי [בָּנֶיהָ] דאָך געווען בני שנואה, בני שנואה טויג דאָך נישט (עי' נדרים כ:).

הכלל די גמרא (בבא בתרא קכג.) דרש'נט אפילו [כִּי] שְׂנוּאָה [לֵאָה, ששנואין מעשה עשו בפניה], אָבער ס'שטייט אָבער ווייטער (כט, לג) [שאמרה לאה] כִּי שָׁמַע ה' כִּי שְׂנוּאָה אָנֹכִי, דאָרט איז דאָך דאָס שווער צו זאָגן [שקאי על מעשי עשו].

זאָגט דער ראב"ד[טז], די תורה הקדושה רופט אָן אַ זאַך 'אַקעגן יענעם', ווייל רחל איז געווען אהובה ביותר, אַקעגן רחל'ן האָט זי געהייסן שנואה, אָבער נישט שנואה טאַקע, אַזוי מוז זיין, אַקעגן יענעם, אַזוי זאָגט דער ראב"ד.

מ'טרעפט אַמאָל אַז לגבי חובה הייסט עס רשות, אַזוי ווי מ'טרעפט אין די גמרא איינס אַקעגן דאָס אַנדערע[יז], [וכדמצינו שאמרה האשה הצרפתית אל אליהו] כי

---

[טז] **בבית יוסף** (או"ח סימן רמ) זה לשון הראב"ד (בשער הקדושה, עמוד קלו) וכו', יש לומר שהיא הראה את עצמה שנואה, לפי שלא היה אוהב אותה אהבה יתירה כרחל, אבל מכל מקום לא היה שונא אותה, עכ"ל.

[יז] עיין בגמרא סוטה מד: וחולין קה. - ובתוספות ברכות כז: ד"ה הלכה כדברי.

KolSatmar.com

בָּאתָ לְהַזְכִּיר אֶת עֲוֹנִי (מלכים א׳ יז, יח), לגבי יענע [פרש״י, עד שלא באת אלי היו שוקלין מעשי ומעשה עירי, והייתי ראוי לנס מִשֶּׁבָּאתָ לכאן לא נחשבתי לכלום ואין צִדְקָתִי ניכרת].

קען זיין אפשר, איך זאָל זאָגן לגבי ווייל צווישן זיך [בין השבטים] איז געווען די גרויסע אהבה, און זיי האָבן אויף יוסף הצדיק נישט געהאַט די גרויסע אהבה, ס׳איז דאָך געווען תרעומות, איבערדעם רופט ער עס אָן [בלשון שנאה], אַזוי קאָן מען זיך אפשר נייטן, על כל פנים דאָס קאָן אפשר זיין.

**כא**

סיום קושיא ג: איך רצו להרוג נפש מישראל?

נאָר דער עיקר איז די קשיא, מילא שנואה איז דאָך שוין פאַרהאַנדן אַמאָל, [וכן] וְלֹא יָכְלוּ דַּבְּרוֹ לְשָׁלֹם, אָבער וויאַזוי גייט מען הרג׳נען?

און די תירוצים וואָס כ׳האָב געזען וואָס ס׳שטייט אויף דעם איז אַ חידוש פלא. - די ראשונים שמועסן גאָרנישט דערפון, אַ פלא.

**כב**

## פירוש השל״ה הקדוש: שֶׁדָּנוּ את יוסף כמורד במלכות בית דוד

דער **של״ה הקדוש** (בפרשתן) איז מרחיב הדיבור ווייל זיי האָבן אים אָנגענומען ער איז אַ מורד במלכות בית דוד, האָט ער געהאַט אַ חטא, אַזוי זאָגט דער של״ה הקדוש.

מילא ס׳איז אודאי אַן ענין, זיי האָבן געזאָגט אַ חולק על מלכות בית דוד כחולק על השכינה (סנהדרין קי.).

ער אַליין שטעלט אַראָפּ אַסאַך קשיות, פאַרענטפערט ער, קודם וואָס זיי האָבן געוואָלט הרג׳נען פרעגט ער. (המשך דברי השל״ה לקמן אות כו)

**כג**

**קושיא ד:**

איך צירפו את הקב״ה לדבר איסור?

ד) נאָך מער פלא, ער אַליין [בשל״ה] פרעגט עס אויך, זיי האָבן דאָך מצרף געווען די שכינה הקדושה, ווען זיי האָבן געמאַכט דעם חי״ת רי״ש [שלא לגלות ליעקב] זאָגט דער מדרש (תנחומא וישב סימן ב) און רש״י ברענגט עס אויך, איז נישט געווען קיין מנין, - רש״י ברענגט עס צו דאָרט [על הפסוק חיה רעה אכלתהו], - האָבן זיי נישט געהאַט קיין מנין, האָבן זיי מצרף געווען די שכינה הקדושה, איבערדעם האָט די שכינה הקדושה נישט מגלה געווען פאַר יעקב אבינו׳ן, דורכן חי״ת רי״ש, אַזוי זאָגט דער מדרש.

נו ווי קאָן זיין אַז די שכינה הקדושה האָט זיך מצטרף געווען צו אַ דבר איסור, אויף דעם גאָר הערטן זיי אים גע׳הרג׳עט, פשוט איז דאָך דאָס געווען אַן איסור, איז דאָס געווען ווידערואום אַ היתר, נו ער איז דאָך נישט חייב געווען מיתה, [דהרי] דער אמת איז דאָך נישט אַזוי געווען, ס׳איז געווען יוסף הצדיק, און ער האָט דאָך געהאַט נסי נסים אַז ער איז לעבן געבליבן, נו קען איך דאָך נישט זאָגן אַז ס׳איז אים געקומען, איז אים ווידער נישט געקומען וויאַזוי האָט

KolSatmar.com

זיך הקב״ה מצרף געווען אויף אַ דבר איסור צו הרג׳נען אַ נפש צדיק, ער האָט זיך מצרף געווען צו דעם חי״ת רי״ש.

**כד**

**קושיא ה:**

קושית הרמב״ן: הלא ראו שיוסף הוא צדיק ואיך נגעו בו?

ה) און ס׳איז נאָך דאָ אַסאַך קשיות, דאָס וואָס דער **רמב״ן** פרעגט[יח] אַז זיי האָבן דאָך געזען ער איז אַן איש צדיק, ער איז געווען [בין] נחשים ועקרבים, פאַרוואָס האָבן זיי אים [נגעו בו למכרו], זיי האָבן דאָך געזען אַז ער איז אַ משיח ה׳?

וויל ער זאָגן אַז זיי האָבן נישט אינאַכט גענומען די נחשים ועקרבים, וויל ער זיך נייטן.

**כה**

**קושיא ו:**

למה לא גילה יוסף הצדיק לאביו שהוא חי?

ו) בכלל איז דאָ אַ קשיא, פלאָגט זיך דער **אור החיים הקדוש** (ויגש מה, כו) אויך אויף דעם, פאַרוואָס האָט יוסף הצדיק די אַלע יאָרן נישט מגלה געווען פאַר׳ן פאָטער, ער האָט געוואוסט דעם גרויסן צער פון פאָטער, פאַרוואָס האָט ער דאָס אויפגעהאַלטן צוויי און צוואָנציג יאָר? - ס׳איז אויך געווען מן השמים, אַזוי זעט אויס. - ער פירט אויס, דער רוח הקודש האָט אים נישט געלאָזט.

על כל פנים בפשטות [צריך להבין].

**כו**

נאָר לאָמיר צוריק גיין [לקושיא ג], די גרעסטע קשיא איז דאָס, וויאַזוי האָט מען געקאָנט הרג׳נען.

## תירוץ השל״ה: שהשבטים דנו את יוסף כחולק על מלכות בית דוד

ער זאָגט [בשל״ה (לעיל אות כב)] ווייל ס׳איז געווען [כמון] חולק אויף מלכות בית דוד. און דער אמת איז דאָך נישט אַזוי געווען, ער האָט נאָר געוואָלט גיין פאָראויס, אַזוי ווי משיח בן יוסף איז פאַר משיח בן דוד, אָנגרייטן פאַר משיח בן דוד, און דאָרט איז ער אריך געגאַנגען פאָראויס אָנגרייטן פאַר די י״ב שבטי קה פאַר יהודה׳ן.

[עכ״פ מבאר בשל״ה] דאָס איז געווען דער טעות [שלהם, שדנוהו כחולק על מלכות בית דוד].

---

[יח] **ברמב״ן** (וישב לז, כב) היו נחשים ועקרבים בחורי הבור, או שהיה עמוק ולא ידעו בהם, שאילו היו רואים אותם ולא יזיקו ליוסף היה הדבר ברור להם שנעשה לו נס גדול ושהוא צדיק גמור, וידעו כי זכותו תצילנו מכל רע, ואיך יגעו במשיח השם אשר הוא חפץ בו ומצילו, וכענין שנאמר (דניאל ו, כג) אֱלָהִי שְׁלַח מַלְאֲכֵהּ, וּסְגַר פֻּם אַרְיָוָתָא, וְלָא חַבְּלוּנִי, כָּל קֳבֵל דִּי קָדָמוֹהִי זָכוּ הִשְׁתְּכַחַת לִי. אבל הם לא ידעו בדבר:

## כז
# ג' קושיות על פירוש השל"ה הקדוש
## אף על פי כן איז עס נישט אַזוי מספיק [תירוץ השל"ה].

קושיא א: על תירוץ השל"ה. הלא בחלום לא הוזכר שום מחלוקה על מלכות בית דוד?

א. קודם על פי הלכה [לא מצינו שזה אסור], וואו איז דען געמאָלדן אין דעם חלום - הֲמָלֹךְ תִּמְלֹךְ עָלֵינוּ אִם מָשׁוֹל תִּמְשֹׁל בָּנוּ - אַז דאָס איז אַ משיח, [והלא נזכר רק] עפּעס אַ מלוכה, נו ס'איז דאָך געווען מלכים נאָך פאַר מלכות בית דוד, קודם דאָס איז דאָך געווען די הבטחה [וּמְלָכִים מִמְּךָ יֵצֵאוּ (בראשית יז, ו), דהכוונה] פון שאול המלך, און אפילו דערנאָך איז דאָך אויך געווען, אפילו ירבעם'ן האָט דאָך אחיה השילוני מושח געווען פאַר אַ מלך.

ס'שטייט דאָך דער רמב"ם זאָגט דאָך אַזוי, דער רמב"ם זאָגט אַז ס'האָט געקענט זיין נאָר לשעה, פאַר דוד המלך האָט מען צוגעזאָגט אַז ער וועט זיין "אייביג", און אַן אַנדערער האָט געקאָנט זיין לשעה, דאָס איז נישט קיין מרידה, אחיה השילוני, אַזוי זאָגט דאָך דער רמב"ם אין הלכות מלכים (א, ח)[יט]. זיי האָבן געזען ירבעם בן נבט שטייט דאָך אין מדרש (פד, יד), זיי האָבן פאָראויס געזען, זיי האָבן אַלדינגס געזען עד סוף כל הדורות.

פשוט על פי הלכה שטייט נישט אין ערגעץ [שיהא אסור], איבערהויפּט דעמאָלטס נאָך, איידער דוד המלך, איידער ס'איז געווען די הבטחה נֶאְמַן [בֵּיתְךָ וּמַמְלַכְתְּךָ עַד עוֹלָם לְפָנֶיךָ] כִּסְאֲךָ [יִהְיֶה נָכוֹן] עַד עוֹלָם (שמואל ב' ז, טז), איידער מ'האָט אים געגעבן די הבטחה איז דאָך טאַקע געווען גאָר אַן אַנדערער מלך, וואו שטייט דאָ געמאָלדן [ענין חולק במלכות בית דוד].

## כח
קושיא ב: על תירוץ השל"ה. הלא אין דנין על שם העתיד?

ב. און דערנאָכדעם, אינגאַנצן על העתיד געפינט מען אויך נישט אין ערגעץ אַז מ'זאָל אים מעגן שוין הרג'נען, פאַרוואָס ווייל ער וועט זיין, ווייל שפּעטער, דאָס גאַנצע איז דאָך אַ שפּעטערע זאַך.

אפילו הגם כ'ווּעל זאָגן דער חלום האָט געוויזן [גם על אותה שעה], ס'זעט אויס אַזוי אין מדרש אויכעט (פד, י), דער יפה תואר און דער נזר הקודש זאָגן פון המלוך תמלוך און די צוויי חלומות האָט געוויזן אויף היצטערט און אויף שפּעטער, אַז ער וועט היצט זיין אַ מלך און זרעו אויכעט.

אָבער אף על פי כן ס'זאָל אויסהאַלטן על פי הלכה מ'זאָל אים מעגן הרג'נען אויף דעם אַרויף, אויף דעם וואָרט מלך.

## כט
קושיא ג: על תירוץ השל"ה. למה לא דנו אותו לכף זכות?

ג. לכאורה ער האָט דאָך דער אמת נישט געמיינט [לחלוק על מלכות בית דוד], דער אמת האָט ער דאָך נישט געמיינט אַזוי, זאָגט דער של"ה הקדוש אַליין, אין

---

[יט] עיין בדברי יואל לחנוכה (אות פו) בארוכה, בדרוש ליל ד' דחנוכה תשט"ז.

KolSatmar.com

פלוג [=בהשקפה ראשונה, גם כן] איז דאָס פאַרענטפערט, ער איז דאָך גערעכט געווען, נאָר וואָס דען זיי האָבן געמיינט.

לכאורה ווי האָט מען דאָס געקאָנט מיינען, אין לשון [החלום] שטייט עס אויך נישט, אין לשון שטייט נאָר סתם מלוכה, און געמיינט האָט ער אויך נישט אַזוי, נו מהיכי תיתי זאָל מען אים דן זיין לכף חוב, [הלא כתיב (במדבר לה, כד-כה) וְשָׁפְטוּ הָעֵדָה וגו׳ וְהִצִּילוּ הָעֵדָה [ודרשו (ר״ה כו.) דבדיני נפשות צריכים להפוך בזכותו], פאַרוואָס זאָל מען אים דן זיין לכף חוב אַז מ׳זאָל אים מעגן הרג׳נען אויף דעם, אויף דעם טעות, מ׳זאָל אים מעגן הרג׳נען ווייל מ׳זאָל קלערן אַז ער האָט געמיינט טאַקע צו זיין מלך ביז צום מלך המשיח, אַז וועט ער גאָר זיין אַ חולק על מלכות בית דוד, ס׳ליגט דאָך גאָרנישט אין די ווערטער.

ס׳איז אודאי דערינען פנימיות, ס׳איז אודאי ענינים, אָבער אין פשטות, **על פי הלכה שמועסט מען דאָך, האָט דאָך געברויכט דאָס אויסהאַלטן צו גיין הרג׳נען.**

## ל
## פירוש האור החיים הקדוש: שֶׁדָּנוּ את יוסף כְּעֵד זוֹמֵם

נאָך מער חידוש איז דאָ אין **אור החיים הקדוש**, דאָס איז גאָר אַ פלא, דער אור החיים הקדוש זאָגט[כ], ער שטעלט זיך אויך אויף דעם [קושיא ג] אויף וואָס האָבן זיי זיך געקענט סומך זיין צו גיין הרג׳נען אַזאַ נפש צדיק.

זאָגט ער: אפשר זיי האָבן אים געגעבן אַ דין עֵד זוֹמֵם, ער האָט אויף זיי געזאָגט עדות זיי האָבן געגעסן אבר מן החי און עריות, און אַ בן נח ווערט דאָך נהרג אויף די זאַכן [שהם מכלל ז׳ מצות בני נח], און [כתיב (דברים יט, יט) וַעֲשִׂיתֶם לוֹ] כַּאֲשֶׁר זָמַם לַעֲשׂוֹת לְאָחִיו, איז אים געקומען מיתה מכח [דין] עֵד זוֹמֵם.

איי ס׳איז דאָך געווען קרובים [ועֵד אֶחָד], אַ בן נח ווערט נהרג מיט אַן עֵד אֶחָד [ועל עדות הקרובים].

## לא
## ג׳ קושיות על פירוש האור החיים הקדוש

**קושיא א:** על פירוש האוהחה״ק. דלא טענו ״עמנו היית״

א. ס׳איז עפּעס גאָר אַ הפלא ופלא, קודם בפירוש דער דין פון עד זומם די גמרא זאָגט (מכות ה.) **עד זומם איז נאָר בגופו של עדות, בגופו**, [דהיינו שיאמרו

---

[כ] **באור החיים הקדוש** (לז, כ) וז״ל: ואם תאמר על מי סמכו שבטי י-ה להרוג את הנפש, ומה גם נפש צדיק אחיהם וכו׳. אולי שהאחים דנו בו דין עֵד זוֹמֵם, כי מצינו שהוא הביא דבתם רעה אל אביהם, ואמר דברים שיתחייבו מיתה על עדותו, שהוא אמר שאכלו אבר מן החי, גם אמר שהם בעלי עריות, ועל כל אחת מהם בני נח מתחייבים מיתה, ובן נח נהרג על פי עֵד אֶחָד בלא עדים ולא התראה, ועל עדות הקרובים גם כן, אשר על כן דנו בו משפט עד זומם, ופטורים הם מדיני שמים. אלא דלצד דיני אדם אינם פטורים, כי אין להם הֲזָמָּה, לזה נתחכמו להמיתו כולן יחד, דבזה אין חיוב לכולן כמו שכתבנו, אבל לדין השמים הם פטורים מטעם שידעו נאמנה כי הוא ביקש להורגם, וכל זה הוא סיבת הסיבות לעשות ה׳ אשר זמם, עכ״ל.

KolSatmar.com

המזימין] "עמנו הייתם", טאָמער איז מען נאָר 'מכחיש' די מעשה אַז ס'איז נישט אַזוי געווען, אַז מ'זאָגט אַז די מעשה איז געווען אַנדערשט [אין כאן דין עד זומם], זיי מוזן זאָגן "עמנו הייתם", עטץ האָטס נישט געקענט עדות זאָגן וואָרן עטץ זענט דאָך געווען עמנו הייתם.

זיי [יוסף והשבטים] האָבן חולק געווען אין דין צי ס'איז יאָ אבר מן החי צי ס'איז נישט אבר מן החי, האָט ער דען חלילה געזאָגט עדות שקר, מ'האָט אים דען מַזִים געווען אַז ער איז גאָרנישט געווען דאָרט [בשעה שאכלו אבר מן החי], זיי האָבן דאָס נישט געזאָגט, טאָמער איז עס נישט אַזאַ עדות קומט אים נישט קיין מיתה, ווי קען איך זאָגן עד זומם, ס'איז אַ הפלא ופלא.

**לב**

קושיא ב: על פירוש האוהחה"ק. הלא עד זומם חידוש הוא, ואיך יהא נוהג בבן נח בעד אחד

ב. אויסערדעם, לעולם מוז דאָך זיין צוויי [עדות], און עדים זוממים איז דאָך אַ חידוש, **חידוש הוא שחידשה תורה** (ב"ק עב:), און מאן יימר לן אַז דאָס איז גאָר אָנגעגאַנגען ביי אַ בן נח דאָס חידוש.

ובפרט ווייל אַ בן נח ווערט נהרג מיט אַן עֵד אֶחָד, נו מאן יימר לן אַז ביי דער זאַך, ביי הריגת עֵד אֶחָד, זאָל אויך אָנגיין עד זומם.

דער דין איז דאָך גאָר [גם בישראל] אַז עדים זוממים מוז זיין **עַד שֶׁיָּזוֹמּוּ שְׁנֵיהֶם** (מכות ה:).

[וכן הדין] אַז איינער איז ניזום געוואָרן, [שנתברר] ער איז געווען אַ "קרוב", דעמאָלטס גייט שוין נישט אָן קיין דין הזמה [רק נתבטל העדות בלי דין הזמה].

נו וויאַזוי זאָל איך גאָר זאָגן אַז ביי אַ בן נח, ווייל ער ווערט נהרג מיט אַ עד אחד, איז דאָ דער דין הזמה, דאָס גאַנצע איז חידוש הוא שחידשה תורה **נאָך מתן תורה**, נו ווי קען איך דאָ זאָגן דעם גאַנצן [דין] עד זומם אויכעט דאָ.

**לג**

קושיא ג: על פירוש האוהחה"ק. דהשבטים לא נחלקו על עדותו, רק חלקו בהלכה.

ג. איבערהויפּט ווי דער אמת איז, האָבן זיי דאָך נאָר מחולק געווען אין די "הלכה". איך קען דאָך אַנדערשט נישט זאָגן, יוסף הצדיק האָט נישט געזאָגט קיין עדות שקר [שאכלו], און זיי האָבן 'נישט געגעסן' קיין אבר מן החי. מוז איך דאָך זאָגן ס'איז אַזוי געווען, אַזוי ווי ס'שטייט שוין אין די מפרשים, [שאכלו רק] זיי האָבן מחולק געווען צי זיי האָבן דעם דין ישראל, אָדער דעם דין פון בן נח. זאָל איך זאָגן אַז פאַרדעם האָבן זיי אים גע'הרג'עט ? ! - איז דאָך גאָר אַ פלא.

**לד**

## המשך הקושיות

[וְעַתָּה לְכוּ וְנַהַרְגֵהוּ וְנַשְׁלִכֵהוּ בְּאַחַד הַבֹּרוֹת וגו' וְנִרְאֶה מַה יִּהְיוּ חֲלֹמֹתָיו:]

קושיא ז:

ז) און דער וְעַתָּה **לְכוּ** וְנַהַרְגֵהוּ, וואָס איז דער וְעַתָּה ?.

KolSatmar.com

**לה**

**קושיא ח:**

צ"ב המשך הפסוק וְנִרְאֶה מַה יִּהְיוּ חֲלֹמֹתָיו

**ח) דערנאָך וואָס איז דער וְנִרְאֶה מַה יִּהְיוּ חֲלֹמֹתָיו.**

רש"י זאָגט, דער "רוח הקודש" זאָגט. [וא"כ קשה] צוברעכט מען דאָך דעם פסוק, [דלְכוּ וְנַהַרְגֵהוּ אומרים השבטים, און] וְנִרְאֶה מַה יִּהְיוּ חֲלֹמֹתָיו זאָגט אַן אַנדערער, עפּעס אין פַּשְׁטוּת איז דאָך אין מקרא יוצא מידי פשוטו [שהשבטים אמרו הכל], איז דאָך לעולם אַ סתירה זיי זאָלן זאָגן דאָס לשון וְנַהַרְגֵהוּ [ואח"כ] וְנִרְאֶה מַה יִּהְיוּ חֲלֹמֹתָיו.

**לו**

# ביאורים במחלוקת יוסף והשבטים

נאָר וואָס דען וואָס איך קלער אין דעם ענין, דאַכט זיך מיר גאָר דְּבָרִים נְכוֹנִים וּבְרוּרִים.

קודם האָב איך געקלערט אפשר, לעולם מ'פרעגט דאָך די קשיא, [אַז] זיי זענען מחולק געווען אין דין אַריין, האָבן זיי זיך געזאָלט צוזאַמזעצן - אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת - און מברר זיין די הלכה, דער זאָגט אַזוי [און דער זאָגט אַזוי], זיי האָבן דאָך דער אמת נאָר מחולק געווען אין דין אַריין.

**לז**

פשוט האָב איך געקלערט, זייער פלוגתא איז דאָך געווען, צי זיי האָבן דעם דין פון בן נח, צי דעם דין פון ישראל.

די שבטים האָבן געזאָגט זיי האָבן דעם דין פון ישראל, און יוסף הצדיק האָט געהאַלטן אַז זיי האָבן דעם דין פון בן נח.

און ביי אַ בן נח גייט נישט אָן קיין אַחֲרֵי [רַבִּים לְהַטֹּת, אַזוי ווי] דער **פרי מגדים**[כא] זאָגט אַרויס [דאצל בן נח לא שייך] קיין אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת.

[ואם כן יש לומר] טאַקע דאָס אַליין איז געווען אַ מחלוקת [ביניהם], לויט זיין שיטה פון יוסף הצדיק אַז זיי האָבן דעם דין פון בן נח גייט נישט אָן קיין אחרי רבים להטות [ולכן אין להכריע על פי רוב].

**לח**

נאָר אפילו כ'וועל שוין זאָגן [דשפיר היה שייך אצלם דין אחרי רבים להטות, יש לתרץ באופן אחר].

## מחלוקת רבי אליעזר וחכמי הדור בתנור של עכנאי

ווייטער קאָן מען זאָגן [ליישב, דיוסף סבר דהיכא דהמיעוט מחודד טפי לא אזלינן בתר רוב, והשבטים חלקו על זה].

[ויתבאר בהקדם] מ'געפון מיר[כב] די פלוגתא פון רבי אליעזר הגדול [וחכמים], ער האָט געזאָגט חֲרוּב יוכיח, [אַמַּת] מים יוכיחו, און מן השמים [יוכיחו, והראה]

---

[כא] בפרי מגדים יורה דעה (סימן סב, משבצות זהב סק"א), ובשער התערובות (ח"א פ"א).

KolSatmar.com

כל הנסים, ער האָט געוויזן נסים ונפלאות, און זיי האָבן געזאָגט ניין, אֵין משגיחין, תורה לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא, אין משגיחין בבת קול.

### לט

בתוספות מחדש דבת קול הבא להחזיק דברי תורה יכולין לסמוך עליה

פרעגט **תוספות**[כג] מ׳זעט דאָך ביי די בית הלל[כד] מ׳האָט יאָ געקוקט אויף אַ בת קול, זאָגט תוספות ווייל ס׳איז געווען להחזיק דברי תורה [דכתיב] אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת.

ועדיין קשה דבכל אופן דמכריע ההלכה על פי בת קול, יכולין לומר תורה לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא?

לכאורה ברויך מען פאַרשטיין, אַז ס׳איז געווען להחזיק דברי תורה, דעמאָלטס ברויך איך [דאָך] נישט קיין בת קול, [אלא מאי] איז דאָך נאָר ווייל ס׳איז געווען [בית שמאי] מחדדי טפי [ויש סברה לומר דמחודד עדיף מרובא, ומשמיענו הבת קול דהולכים בתר רוב].

[אמנם קשה, דאם] זאָג איך ווידער, אַז דאָרט וואו ס׳איז מחדדי טפי פאַלט אַוועק דער אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת, איז דאָך עס ווידעראום [כך ההלכה, ואיך סומכים על בת קול, הלא] קאָן איך זאָגן ווידער תורה לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא?

---

[כב] **בגמרא** (בבא מציעא נט:) תנור של עכנאי. מאי עכנאי וכו׳ שהקיפו דברים כעכנא זו, וטמאוהו.

תנא, באותו היום השיב רבי אליעזר כל תשובות שבעולם ולא קיבלו הימנו. אמר להם, אם הלכה כמותי, חָרוּב זה יוכיח. נעקר חָרוּב ממקומו מאה אמה, ואמרי לה ארבע מאות אמה. אמרו לו אין מביאין ראיה מן הֶחָרוּב. חזר ואמר להם, אם הלכה כמותי אַמַּת הַמַּיִם יוכיחו. חזרו אַמַּת הַמַּיִם לאחוריהם. אמרו לו, אין מביאין ראיה מֵאַמַּת הַמַּיִם. חזר ואמר להם: אם הלכה כמותי כותלי בית המדרש יוכיחו. הטו כותלי בית המדרש ליפול. גער בהם רבי יהושע, אמר להם אם תלמידי חכמים מנצחים זה את זה בהלכה, אתם מה טיבכם? לא נפלו מפני כבודו של רבי יהושע, ולא זקפו מפני כבודו של רבי אליעזר, ועדין מטין ועומדין.

חזר ואמר להם, אם הלכה כמותי מן השמים יוכיחו. יצאתה בת קול ואמרה, מה לכם אצל רבי אליעזר שהלכה כמותו בכל מקום! עמד רבי יהושע על רגליו ואמר: לֹא בַשָּׁמַיִם הִיא (דברים ל, יב). מאי לֹא בַשָּׁמַיִם הִיא? אמר רבי ירמיה, שכבר נתנה תורה מהר סיני, אין אנו משגיחין בבת קול, שכבר כתבת בהר סיני בתורה אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת. - אשכחיה רבי נתן לאליהו, אמר ליה: מאי עביד קודשא בריך הוא בההיא שעתא? אמר ליה, קָא חָיֵיךְ וְאָמַר נִצְחוּנִי בָּנַי, נִצְחוּנִי בָּנַי. אמרו, אותו היום הביאו כל טהרות שטיהר רבי אליעזר ושרפום באש, ונמנו עליו וּבֵרְכוּהוּ [פירש״י שנידוהו] וכו׳. תנא: אַךְ [פירש״י מכה גדולה] גדול היה באותו היום, שבכל מקום שנתן בו עיניו רבי אליעזר נשרף, ואף רבן גמליאל היה בא בספינה, עמד עליו נחשול [רוח סערה] לטבעו. אמר, כמדומה לי שאין זה אלא בשביל רבי אליעזר בן הורקנוס. עמד על רגליו ואמר, רבונו של עולם, גלוי וידוע לפניך שלא לכבודי עשיתי, ולא לכבוד בית אבא עשיתי, אלא לכבודך, שלא ירבו מחלוקות בישראל. נח הים מזעפו.

[כג] **בתוספות** (ב״מ שם, ד״ה לא בשמים) וז״ל, והא דאמר בפרק קמא דיבמות (יד. ושם ד״ה רבי) דהלכה כבית הלל משום דיצאה בת קול, שאני הכא שבא לחלוק על דברי תורה דכתיב אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת אבל התם אדרבה בית הלל רובא, אי לאו דהוה מספקא לן אי אזלינן בתר רובא, משום דבית שמאי הוו חריפי טובא, ועוד דכאן לא יצאה בת קול אלא משום כבודו דר״א שאמר מן השמים יוכיחו, עכ״ל.

וביבמות (יד.) כתבו התוספות וז״ל: רבי יהושע היא דאמר אין משגיחין בבת קול. ואם תאמר ומאי שנא דלא קיימא לן כבת קול דרבי אליעזר, אלא אמרינן בכל דוכתי דשמותי הוא ואין הלכה כמותו, וכבת קול דבית הלל קיימא לן דהלכה כבית הלל. ויש לומר משום דבת קול דרבי אליעזר לא יצאה אלא לכבודו שאמר מן השמים יוכיחו כדאמר התם. אי נמי בההיא בת קול שהיתה כנגד רבים דרבנן הוו רובא דודאי אין הלכה, אבל כבת קול דבית הלל קיימא לן משום דהוו בית הלל רובא, אלא דבית שמאי מחדדי טפי, עכ״ל.

[כד] **בעירובין** (יג:) א״ר אבא אמר שמואל, ג׳ שנים נחלקו בית שמאי ובית הלל הללו אומרים הלכה כמותנו והללו אומרים הלכה כמותנו, יצאה בת קול ואמרה אלו ואלו דברי אלקים חיים הן והלכה כבית הלל.

KolSatmar.com

### מ

ויש לומר דספק ב"מציאות" יכולין להכריע על ידי בת קול, אבל לא ספק בהלכה

איך האָב געקלערט אפשר, דאָס מחדדי טפי ברויך מען אָבער צו וויסן [אם הוא מחודד כל כך] צי דאָס איז מכריע די רובא. [עס] קען זיין דער חידוד איז מער [ומכריע את הרוב], אַז ס'איז מיעוט [המחודדים] צי דאָס באַטרעפט אַזויפיל [עד שמכריע את הרוב], דאַרף מען דאָך דאָס מבחין צו זיין ווי ווייט דער חידוד איז.

דאָס איז שוין אַ "מציאות" זאַך, אַ מענטש קען דאָס נישט מבחין זיין, ביי אַ זאַך אַ [ספק] מציאות, אפשר דאָרט זאָג איך יאָ, קאָן מען יאָ זיך פאַרלאָזן אויף אַ גילוי דעת פון אַ בת קול[כה].

אָבער על כל פנים יהיה איך שיהיה, אָבער תוספות זאָגט אַזוי [שלהחזיק דברי תורה יכולין לסמוך על בת קול].

### מא

דאָס גאַנצע ענין פון רבי אליעזר הגדול איז דאָך די זעלבע קשיא [כמו אצל יוסף הצדיק], נו וויאַזוי האָט ער [חולק געווען על הרבים], ער האָט דאָך אויך געוואוסט דעם דין פון אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת.

### מב

ביאור עתידה תורה שתשתכח מישראל, שלא יוכלו לברר על פי רוב

אַ פלא, איך פלעג עס צו זאָגן לאַנג, אייביג[כו], אַקעגן דעם וואָס די גמרא זאָגט (שבת קלח:) **עתידה תורה שתשתכח מישראל** און מ'וועט נישט טרעפן קיין **הלכה ברורה במקום אחד**, [דלכאורה קשה] וואָס הייסט מ'וועט נישט טרעפן קיין הלכה ברורה, [מ'קען דאָך] מברר זיין מיט רוב וכדומה, אַזוי ווי ס'שטייט שוין [דרכי בירור הלכה].

פלעג איך צו זאָגן ווייל ס'איז געווענדט אין דעם, מ'קאָן דאָך נאָר מצרף זיין, נאָר דעם ווער ס'האָט אַן אמת'דיגן דעת תורה, און מ'גייט מיטן אמת, אַז נישט פאַלט מען אַריין [להורות שלא כהלכה], און דאָס איז אַזוי ווי מ'זעט היינט ס'וועט זיך אויסלאָזן [דעת תורה אמיתית], ממילא קאָן מען נישט וויסן, קען מען נישט מברר זיין קיין שום דבר אמת.

### מג

דער מהרש"א זאָגט דאָרט[כז], אַ פלא, רבי אליעזר הגדול, רבי אליעזר האָט גע'טענה'ט אמת המים יורדין ממקום גבוה למקום נמוך, זיי זענען נישט

---

[כה] עיין **ברכי יוסף** (או"ח סי' לב), ועיין **דברי יואל** (לחנוכה, אות ד. ליל ג' תש"כ).

[כו] עיין בספר **ויואל משה** (מאמר שלש שבועות סימן קסז). ובס"ג בהעלותך תשי"ד. ובאסיפת יסוד של התאחה"ר פרשת שמות תשט"ו. ובס"ג דברים תשי"ז.

[כז] **בחידושי אגדות מהרש"א** (ב"מ נט: ד"ה חרוב) מבאר כדרכו פנימיות דברי אגדות חז"ל בטענות רבי אליעזר חרוב יוכיח, אמת המים יוכיח וכו'. וזה לשונו, ואמר להם אמת המים יוכיח כו', שהשיב להם שיש בכם הרבה אשר להם לב להבין להודות לדברי, אבל מפני הגאוה, כי כל אחד מכם מתבייש לחזור מדבריו אשר כבר היה עמו הרבים, ועל פי מה שאמרו בפ"ק דתענית, למה נמשלו דברי תורה למים, לומר לך מה מים מניחין מקום גבוה כו', ועל כן אמר להם הנה אמת המים יוכיח, שהוא הולך באמת כפי דרך התורה ממקום גבוה לנמוך וכו'. ושאמר [רבי יהושע] לא בשמים היא כו' ואין משגיחין בבת קול כו', הוא כפי מה שאמרו, לא ניתנה התורה למלאכי השרת, ועל כן אין להכריע רק העוסק בה, עכ"ל.

KolSatmar.com

בתכלית הענוה, רבי אליעזר האָט געלערנט דאָס איז מכריע, ער האָט געהאַט טענות אַקעגן רוב, אַז ס׳האַלט נישט אויס.

און זיי האָבן געענטפערט, תורה לא בשמים הוא, אַזוי ווי ס׳איז געווען די הייליגע תנאים זענען עוסקין בתורה [ורק הם יכולים להכריע], נו קאָנסטו נישט קומען אַריינקלערן אין רוב [כי לא ניתנה התורה למלאכי השרת].

**מד**

יהיה איך שיהיה זיי זענען מחולק געווען אין דעם, רבי אליעזר הגדול האָט געהאַט די שיטה ווייל ס׳איז מחדדי טפי [וזה מכריע], הפנים הגם זיי זענען געווען מער [רוב, אמנם רבי אליעזר היה מחודד טפי].

גדלות רבי אליעזר הגדול

א. זיי האָבן דאָך טאַקע כל חכמי דורו פאַר אים דרך ארץ געהאַט, און טאַקע רבי יהושע אַליין [שהתווכח עמו], אַזוי ווי ער האָט זיך מתווכח געווען, האָט ער אים גערופן **אָבִי אָבִי רֶכֶב יִשְׂרָאֵל וּפָרָשָׁיו** (מלכים ב׳ ב, יב) (סנהדרין סח.).

ב. ס׳שטייט דאָך **לא ירדו חביריו לסוף דעתו** (ס׳ החינוך מצוה תצו).

ג. ער איז געווען גרויס, ס׳שטייט רבי אליעזר הגדול רופט דאָך אָן די גמרא **צדיק היה** (עי׳ מנחות לה.).

ד. וואָרן ער איז דאָך געווען ער איז טאַקע געווען, **ראוי שתשרה עליו שכינה** ווי די גמרא זאָגט (ירושלמי סוף מס׳ סוטה) **רבי אליעזר בן הורקנוס**.

ה. און משה רבינו האָט געזאָגט **יְהִי רָצוֹן שֶׁיֵּצֵא מֵחֲלָצַי** (ילקוט חקת רמז תשנ״ט).

ו. און פשוט ס׳איז אַ בת קול אַרויסגעקומען אַז הלכה כמותו בכל מקום.

**מה**

ברמב״ן פירש דבֵּרְכוּהוּ, כדין זקן ממרא

האָט ער געהאַט אַ חשבון אַז ס׳גייט נישט אָן קיין אחרי רבים להטות, און זיי האָבן מכריע געווען אַז יאָ, לשיטתם האָט ער נישט געטאָרט חולק זיין.

אַ פלא דער **רמב״ן** זאָגט (בב״מ שם) לכאורה איז אים נישט געקומען **בֵּרְכוּהוּ**, ס׳איז אים נישט געקומען אַ נידוי מיט קיין חי״ת רי״ש[כח], זאָגט ער ווייל ער האָט זיך אַזוי מתאמץ געווען קעגן רוב מיט נסים ונפלאות [לכן בֵּרְכוּהוּ].

זאָגט ער ווען ס׳העט געווען בזמן הבית העט ער געווען געהאַט דעם דין פון אַ זָקֵן מַמְרֵא, אַזוי זאָגט דער רמב״ן, ממילא איבערדעם האָבן זיי אים מער [מעניש געווען].

היוצא לנו מזה אַז מ׳איז זיך שטאַרק מתאמץ אַקעגן רוב וואָס ס׳קומט אַרויס[כט]. [המשך ענין רבי אליעזר באות מז]

---

[כח] בפירוש בֵּרְכוּהוּ, יש בזה מחלוקת, דרש״י פירוש שנידוהו, והרמב״ן כתב, שהטילו עליו חרם, שהוא חמור מנידוי, והטעם לכך משום שלא רצה לחזור בו והחזיק במחלוקת, והוי כזקן ממרא.

[כט] ועיין **דברי יואל** (לחנוכה אות קמא, עמוד קצב).

KolSatmar.com

# ביאורי הקושיות

מו
**ביאור קושיא ג - וה**
שדנו את יוסף כדין זקן ממרא

קען זיין אפשר די הייליגע שבטים האָבן איבערדעם יוסף הצדיק האָבן זיי אים דָן געווען [למיתה].

ער האָט געמעגט זיין גרויס, און מ'האָט געזען נסים ונפלאות, מ'האָט געמעגט זען ער איז ניצול געוואָרן פון נחשים ועקרבים, ער איז טאַקע אַ צדיק אמת [וקושית הרמב"ן שראו שהוא איש צדיק].

מ'זעט דאָך ביי רבי אליעזר הגדול דאָס זעלבע, רבי אליעזר הגדול איז געווען הכל מודים האָט מען דאָך געוואוסט ווי גרויס ער איז, ער איז געווען קאָן זיין ער איז טאַקע געווען אַ יחיד בדורו, אַזוי ווי ס'זעט אויס טאַקע זיי אַליין האָבן אים געהאַלטן אַזוי גרויס, אַז ער האָט אָבער מתאמץ געווען אַקעגן רוב האָבן זיי אים, העט ער געווען נידון פאַר אַ זקן ממרא, אַ זקן ממרא איז חייב מיתה. קאָן זיין אַ שטיקל תירוץ [שדנו השבטים את יוסף כדין זקן ממרא].

[המשך ביאורי הקושיות באות מט]

מז
## ביאור רבי נסים גאון: במעשה רבי אליעזר בתנור של עכנאי

אַ חידוש, **רבי נסים גאון** זאָגט (בגליון הגמרא ברכות יט.), מ'פרעגט דאָך די קשיא, אָבער דער בורא כל עולמים האָט דעך דאָך געוואוסט אַז אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת, און מ'וועט נישט אַזוי פסק'נען [כרבי אליעזר], פאַרוואָס האָט דער בורא כל עולמים געוויזן אַזויפיל נסים, און [יצאה בת קול] הלכה כמותו בכל מקום?

כאָטשיג ס'שטייט טאַקע [שלבסוף אמר הקב"ה] נִצְחוּנִי בָּנַי, [עדיין קשה שהלא הקב"ה ידע הכל מראש שאַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת]?

ופירוש רבי נסים גאון: שהיה נסיון אם החכמים יעשו כדין תורה ולא יתפעלו מהנסים

רבי נסים גאון זאָגט, מ'האָט דאָרט מן השמים געטוהן די אַלע זאַכן [כדי] מ'זאָל זיי מְנַסֶּה זיין צו וועלן זיי זיך האַלטן פעסט ביי זייער דיעה, מ'זאָל וויסן מ'זאָל נישט קוקן אויף קיין מופתים, - רבי נסים גאון זאָגט דאָרט אַזוי פשט אין די גמרא, - מ'זאָל נישט קוקן אויף קיין מופתים. אַז זיי וועלן זען על פי התורה אַז ס'איז אַזוי [הדין כסברתם], זאָלן זיי זיך נישט דערשרעקן פאַר קיין מופתים, בכוונה האָט מען דאָס געוויזן, רבי אליעזר הגדול מ'האָט געוויזן די אַלע מופתים אַז מ'זאָל זיי וייזן מ'זאָל אויספּרובירן די חכמי הדור, אַז זיי זעען אַז ס'איז [מה שהכריעו] על פי התורה, צי זיי וועלן זיך דערשרעקן פאַר מופתים.

דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט נִצְחוּנִי! [הכוונה] ער האָט איבערגעוויזן זיי זענען איבערגעגאַנגען דעם נסיון, אַז ער [רבי אליעזר] האָט געוויזן אַזאָלעכע גרויסע מופתים - ס'איז געווען גאָר מצד הקדושה געווען און ס'איז געווען רבי

אליעזר הגדול, - פונדעסטוועגן זיי האָבן אָבער על פי התורה אַזוי געזען [כפי שהכריעו על פי רוב] האָבן זיי נישט געקוקט אויף גאָרנישט.

מח

נאָר קען זיין, די גמרא זאָגט [שם בהמשך] רבי גמליאל איז געוועזן [בספינה] עמד נחשול [=רוח סערה] לטובעו, האָט ער געזאָגט [רבונו של עולם! גלוי וידוע לפניך] ס'איז דאָך נאָר וועגן כבודו של רבי אליעזר בן הורקנוס, גלוי וידוע שלא לכבודי ולא [לכבוד] בית אבא, אלא כדי שלא ירבו מחלוקת בישראל, ס'זאָל נישט זיין קיין מחלוקת בישראל.

וואָרן וויבאַלד אַז אַ יחיד וועט קענען [להעמיד דעתו ע״י מופתים] .. וועט מען נישט קאָנען מברר זיין קיין הלכה.

מט

## ביאור פסוק: כִּי אֹתוֹ אָהַב אֲבִיהֶם מִכָּל אֶחָיו וְלֹא יָכְלוּ דַּבְּרוֹ לְשָׁלֹם

דאָס קאָן זיין, וַיִּרְאוּ אֶחָיו כִּי אֹתוֹ אָהַב אֲבִיהֶם ״מִכָּל אֶחָיו״, ער האָט אים מער ליב ווי די ברידער [והטעם כִּי בֶן זְקֻנִים הוּא לוֹ, ופרש״י דכל מה שלמד מן שם ועבר מסר לו], איז ער [יעקב אבינו] דאָך געגאַנגען מיט דער שיטה [של יוסף ושל רבי אליעזר, אַז] ווייל ס'איז מחדדי טפי [המיעוט מכריע את הרוב].

ממילא וְלֹא יָכְלוּ דַּבְּרוֹ לְשָׁלֹם, וועט מען נישט קענען אויסקומען צו קיין ״שלום״ [שירבו מחלוקת בישראל], וועט מען דאָך נישט קענען קומען [לברר דין לאמיתו. דאילו] אַזוי, אַז ס'איז אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת, קאָן מען מברר זיין, [משא״כ אי המחודד יהא עדיף מרובא] וועט מען קיינמאָל נישט קענען מברר זיין.

נ

חזרה על קושיא ד - והקדמה להתירוץ

נאָר אָבער נאָך דעם ענין מבאר צו זיין וואָס דער פשט איז ס'זאָל אויסהאַלטן מ'זאָל פאַרענטפערן אַלע [אנדערע] קשיות וואָס כ'האָב פריער געפרעגט.

די אַלע קשיות וויאַזוי זיי האָבן געוואָלט הרג'נען יוסף הצדיק, און וויאַזוי זיי האָבן מצרף געווען די שכינה הקדושה, סוף כל סוף וויאַזוי האָט מען מצרף געווען די שכינה הקדושה אויף אַזאַ זאַך, דאָס איז נאָכנישט פאַרענטפערט.

דער אמת איז דאָך אָבער געווען, יוסף הצדיק איז דאָך גערעכט געווען, איך מוז דאָך אַזוי זאָגן, וואָרן צום סוף, מ'האָט דאָך געטוהן נסי נסים ער איז געבליבן לעבן, ס'איז דאָך געווען יוסף הצדיק, ס'איז געווען מן השמים געווען, [וכמו שאמרו במדרש (לעיל אות יב)] וְיוֹסֵף הוּרַד מִצְרָיְמָה, מ'האָט עס אונטערגעריקט מן השמים, ער האָט געברויכט צו גיין [למצרים], דער אמת איז דאָך אַזוי געווען.

[וא״כ קשה כנ״ל] וויאַזוי איז הקב״ה נמנה געווען, די זאַך איז דעך דאָך נישט קיין אמת, מ'האָט אים נישט געברויכט הרג'נען.

**נא**

נאָר דאַכט זיך מיר אַ דבר ברור דאָ אין דעם פרט, ס'זאָל זיין פאַרענטפערט די גאַנצע זאַך, דאָס איז דברים ברורים.

פאַריאָר [בס״ג פרשת וישב תשט״ז][ל] האָב איך שוין געזאָגט געדעדט פון די הערה בקיצור, נאָר כ'האָב ביי שלש סעודות היי יאָר [פרשת וישב תשי״ז] געזען אַז ס'איז מער בביאור, מער ברוחב הענין.

**נב**

בישמח משה: שיוסף הצדיק לא היה לו דין "מלך ישראל" רק "מלך מצרים"

דער זיידע זכרונו לברכה אין **ישמח משה**[לא] שטעלט ער אַראָפּ אַ הערה, ס'שטייט דאָך וְאֵלֶּה הַמְּלָכִים [אֲשֶׁר מָלְכוּ בְּאֶרֶץ אֱדוֹם] לִפְנֵי מְלָךְ מֶלֶךְ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל (וישלח לו, לא), אַז די אַלע ז' מלכים די האָבן געדאַרפט צו זיין איידער ס'איז דאָ אַ מלך ישראל, נו וויאַזוי האָט יוסף הצדיק געקאָנט זיין אַ מלך איידער ס'זענען דורכגעגאַנגען די ז' מלכים, וְיָדוֹ אֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו, ס'איז נאָכנישט געווען די צייט.

נאָר זאָגט ער, ער איז דאָך נישט געווען קיין מלך ישראל, ער איז דאָך געווען אַ מלך אויף די מִצְרַיִם. און דערנאָך ער איז נאָר געווען אַ מִשְׁנֶה לַמֶּלֶךְ.

זאָגט ער [דזהו שאמרו השבטים] הֲמָלֹךְ תִּמְלֹךְ עָלֵינוּ אִם מָשׁוֹל תִּמְשֹׁל בָּנוּ, וויאַזוי קענסטו זיין אַ מלך איבער 'אונז', זיי האָבן דאָך דאָס נישט געוואוסט אַז ער וועט זיין נאָר אויף די מִצְרַיִם, [ועל כן טענו] וויאַזוי קענסטו זיין אַ מלך איבער אונז, אָבער דער אמת איז טאַקע אַז ער קען טאַקע נישט, אַזוי שטייט אין ישמח משה.

**נג**

האָב איך געזאָגט: דְּלָה לִי חַסְפָּא וְאַשְׁכַּחְנָא מַרְגְּנִיתָא תּוּתֵיה[לב]. איך מיין מיט דעם [ישמח משה] איז פאַרענטפערט אַזוי.

**ביאור קושיא ו:**

הטעם שיוסף לא הודיע כל הזמן שהוא חי

וואָרן די קשיא וואָס כ'האָב פריער געפרעגט [קושיא ו] וואָס מ'האָמיר געשמועסט פריער, פאַרוואָס האָט ער נישט מודיע געווען די גאַנצע צייט [לאביו שהוא חי].

[ל] וע״ע בדרוש ליל ד' דחנוכה תשט״ז, ועי' בדבר״י לחנוכה ח״א אות פ״ו. וע״ע בס״ג ויחי תשכ״ב.

[לא] **בישמח משה** (פרשת וישב, ד״ה ויוסיפו עוד) וז״ל, והנה מסורת בידם שאין מלך לישראל קודם בני עשו, כמו שמבואר מנבואת רבקה, וגם וְיָדוֹ אֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו, וגם כתיב לִפְנֵי מְלָךְ מֶלֶךְ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל, ובאמת יוסף מלך רק על מצרים, וגם לא היה מלך גמור רק מִשְׁנֶה [לַמֶּלֶךְ], והם לא אסקו אדעתייהו רק כפשוטו, לכך אמרו המלוך תמלוך עלינו, עלינו דייקא, ואם כן מוכח דעדיין לא יצאו מכלל בני נח, ולאו בכלל בני ישראל הם ואינם נחשבין לאומה בפני עצמם, דהא מבני עשו לא מלכו עדיין, כי עשו עדיין חי היה, לכך היה הוספה לשנאה על פי חלומותיו ועל דבריו.

[לב] **במכות** (כא:) איתא שרבי ינאי אמר הלכה משם החכמים, ואמר רבי יוחנן שזה יש ללמוד ממשנה. אמר לו רבי ינאי לרבי יוחנן בדרך משל אִי לַאו דְּדְלָאִי לָךְ חַסְפָּא מִי מַשְׁכַּחַת מַרְגְּנִיתָא, ופירושו, אם לא שהגבהתי את החרס שכיסה את המרגליות, לא היית מוצא את המרגליות שמתחתיו. דהיינו אילו לא אמרתי ההלכה היית לומד פשט בהמשנה באופן אחר.

KolSatmar.com

**דער של״ה הקדוש** (אין די הגהות אויפ׳ן של״ה הקדוש)[לג], דאָרט זאָגט ער אַזוי, ווייל יוסף הצדיק האָט געוואוסט אַז דאָס [החלומות הם נבואה, און] מוז מקויים ווערן, זיי מוזן קומען לְהִשְׁתַּחֲוֹת לוֹ, און ער האָט נישט געקאָנט פאַרנעמען די ברודער זאָלן זיך צו אים בוקן [כי חרפה הוא להם], איבערדעם אַז זיי וועלן נישט וויסן אַז ער איז דאָס, איז עס נישט אַזאַ דירעקטע הכנעה פאַר אים [ואין זה חרפה], אַזוי זאָגט ער אין די הגהות אויפ׳ן של״ה, ער האָט איבערדעם נישט מגלה געווען [שהוא אחיהם והוא חי].

אָבער דער אמת איז דאָס נאָכנישט מספיק, דער צער איז דאָך געווען פונעם פאָטער זייער גרויס, און דאָס אַז זיי זאָלן זיך פאַר אים בוקן האָט דאָך דער פאָטער געוואָלט, ס׳שטייט דאָך וְאָבִיו שָׁמַר אֶת הַדָּבָר, [ואין בזה חשש העברה על כיבוד אב, כי] **רצונו של אדם זהו כבודו**[לד], נו וויאַזוי האָט ער אים געלאָזט אַזוי לאַנג בצער ווייל ער האָט נישט געוואָלט [שיהיה להם חרפה].

**נד**

איך מיין אָבער היצט, מיט דעם איז דאָס אַלעס פאַרענטפערט, מיט דער בחינה וואָס דער ישמח משה זאָגט.

לפי זה קומט אויס, לויט ווי דער חלום האָט געזאָגט, דער חלום זאָגט ער וועט זיין אַ מלך, דאָרט איז נישט געמאָלדן קיין מצרים און ס׳איז נישט געמאָלדן קיין שום זאַך, נאָר אַ ״מלך״, איז דאָך עס אַ מלוכה פאַר דער צייט.

**אַ מלוכה פאַר דער צייט איז יהרג ואל יעבור**, ווי איך זאָג דאָס כמה פעמים, ס׳שטייט דאָך אַרויס (במהר״ל, נצח ישראל פרק כד).

**נה**

## ביאור דברי בעל עקידה: שהוא סכנה גדולה לקרב הקץ

הוספות (על ס״ג וישלח תשי״ז) בביאור דברי בעל העקידה

**און נאָכדעם איז עס די גרעסטע סכנה, ווי דער בעל עקידה** [זאָגט].

ס׳איז אַ חידוש פלא דאָ אין לשון פון בעל עקידה[לה], - איך האָב שוין געשמועסט דאָס פאָריגע מאָל (בס״ג וישלח תשי״ז) פון דעם בעל עקידה, כ׳האָב

---

[לג] **בשל״ה** (פרשתן תורה אור [באות טז]) וז״ל, קשה, יוסף הצדיק האהוב לאביו, איך לא הודיע לאביו שהוא חי כדי שלא יצטער, ואפילו אם היה רחוק ממנו בסוף העולם, היה לו להודיע לאביו, וכל שכן כי ארץ מצרים סמוכה לארץ ישראל שהיה לו להודיע לאביו ולא להניחו בצער כ״ב שנה.

**ובהגה כתב**, קושיא זו יש ליישב, כי יָדַע יוסף שחלומותיו שֶׁחָלַם הם כמו נבואה, וידע שעל כל פנים יתקיים שאביו ואחיו ישתחוו לו. והיה ירא מאוד לנפשו אם ישתחוו לו בידיעתם כי הוא יוסף, כי איך ישתחוה אב לבנו ואחים הגדולים לאחיהם הקטן. על כן היה יושב ומצפה להיות זה הדבר מקוים בעודו מתנכר לאיש מצרי, כי אז אין חרפה להם להשתחוות לשר מצרי. על כן לא התודע לאחיו אחר שהשתחוו לו בפעם ראשון, והמציא עוד עלילה בגביעת בנימין, כדי שיבאו להשתחות שנית, כדי לקיים שני החלומות, חלום של ׳מאלמים אלמים׳ וחלום ׳והנה השמש והירח׳ כו׳. וענין השתחוואות אביו לו נתקיים במה שאמרו ׳עבדך אבינו׳. אבל לאחר שנתוודע שהוא יוסף, חלילה לו לסבול שישתחוו לו. והיה חושב יוסף כי כשנתקיים מראה החלומות, אז כשנתלבש בלבוש מצרי אז די בזה וכו׳.

[לד] כדאיתא **בירושלמי** (פאה פ״א ה״א) **באימיה דרבי ישמעאל**, שאמרו לו חכמים לעשות רצונה שזה כבודה. ומובא **בתוספות** (קידושין לא. ד״ה רבי טרפון). **ובספר חסידים** (סימן קנב)

[לה] **בעקידת יצחק** (שער כו) ז״ל, הסיפור הזה מוכיח ומפלש עד אחרית הימים וכו׳ כשאמר לו נסעה ונלכה ואלכה לנגדך הראה מדבריו שכבר היה איפשר שיהיה ענינם על <u>מצב שוה או קרוב אליו</u>, וכו׳ והוא רמז

KolSatmar.com

נישט מעתיק געווען דאָס לשון, - דער בעל עקידה זאָגט עשו האָט אָנגעטראָגן פאַר יעקב׳ן **נִסְעָה וְנֵלֵכָה וְאֵלְכָה לְנֶגְדֶּךָ**, דו זאָלסט זיין אַזוי גרויס אַזוי ווי איך, ער האָט אים געוואָלט געבן אַזאַ מלוכה פונקט אַזוי ווי פאַר זיך, האָט ער [יעקב אבינו] געענטפערט, ס׳קען נישט זיין, וואָרן **וּדְפָקוּם יוֹם אֶחָד**, טאָמער וועל איך מיר נעמען איין טאָג פריער פון דער צייט, איז חלילה **וָמֵתוּ כָּל הַצֹּאן**, אַזוי זאָגט דער בעל עקידה.

**נו**

נאָר דאָס חידוש איז, ער [בעל העקידה], גיט עפּעס אַ זאָג [דזהו כמו שקרה לכל העמים], ער זאָגט וועגן [שעברו אויף] די שבועות, ער גיט עפּעס אַ זאָג אַזוי ווי ס׳האָט זיך פאַר כמה אומות געטראָפן אַז זיי האָבן זיך גענומען אַ מלוכה פאַר דער צייט זענען זיי חרוב געוואָרן.

דאָס חידוש איז דערין, איז דען די שבועה געווען פאַר די ״אומות״, ס׳איז נישט צו פאַרשטיין.

**נז**

קען זיין דער בעל עקידה לערנט אַז דאָס איז בעצם אַזוי, דאָס איז כולל די גאַנצע וועלט, אַז די שבועה איז נישט דוקא פאַר אידן.

נאָר ביי די אומות העולם ווייסט מען נישט ווען ס׳איז פאַר דער צייט, ס׳איז נישטאָ קיין סימנים דערויף, מ׳האָט נישט חס געווען אויף זיי, מ׳האָט זיי נישט געגעבן קיין סימנים, ס׳קאָן זיין ס׳איז דאָ טאַקע אַסאַך אומות וואָס זענען אומגעקומען פון דעם עולם ס׳איז נאבד זכרם געוואָרן ווייל זיי האָבן זיך גענומען פאַר דער צייט, קמי שמיא גליא, דאָס ווייס מיר אונז נישט.

**נח**

לבני ישראל נתנו זמן הגאולה, וסימני הגאולה

נאָר פאַר אידן האָט מען יאָ געגעבן אַ זמן, פאַר אַ אידן איז דאָ זמן:

דעמאָלטס [במצרים] איז געווען **פָּקֹד יִפְקֹד** (בראשית נ, כד) איז געווען דער סימן.

און דעמאָלטס [בבבל] איז געווען זיבעציג יאָר [כדכתיב (ירמי׳ כט, י) **כֹה אָמַר ה׳ כִּי לְפִי מְלֹאת לְבָבֶל שִׁבְעִים שָׁנָה אֶפְקֹד אֶתְכֶם וכו׳ לְהָשִׁיב אֶתְכֶם אֶל הַמָּקוֹם הַזֶּה**].

און היינט איז דאָ סימנים אַנדערע, [צי׳] אַזוי ווי כ׳האָב געזאָגט ביי שלש סעודות[לו], ווען ס׳איז דאָ דער אורים ותומים.

---

בתשובתו אל פתרון העיקר אשר היו מתרוצצים עליו מבטן אמם, ואמר (לג, יב) **אֲדֹנִי יֹדֵעַ כִּי הַיְלָדִים רַכִּים** מאד עדיין לגבי הגעת תכליתם וכו׳. ואם **יִדְפָקוּם יוֹם אֶחָד**, למהר את הקץ טרם יחפץ, **וָמֵתוּ כָּל הַצֹּאן**, **כמו שקרה לכל העמים אשר מהרו למצוא להם מנוחה מאשר מצאו ועברו על השבועות האמורות בקבלה** (שה״ש ב, ז) **הִשְׁבַּעְתִּי אֶתְכֶם בְּנוֹת יְרוּשָׁלַם וגו׳ אִם תָּעִירוּ וְאִם תְּעוֹרְרוּ אֶת הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ**. ולזה **יַעֲבָר נָא אֲדֹנִי** בענין ההצלחות הזמניות והגדולות והשררות **לִפְנֵי עַבְדּוֹ** ויקבלם ראשונה וכו׳ **עַד אֲשֶׁר אָבֹא אֶל אֲדֹנִי שֵׂעִירָה**, עכ״ל.

[לו] עיין בחידושי תורה תשי״ז ס״ג פ׳ וישב עמוד רפ״ג ד״ה והנה האפוד.

KolSatmar.com

צי אליהו וועט קומען ווי דער רמב״ם זאָגט (הל׳ מלכים פי״ב ה״ג וה״ג) און דער מהר״ל מפראג זאָגט (בהגדה בטעם אמירת שפוך חמתך).

און די אַנדערע סימנים, ווי דער רמב״ם זאָגט (שם פי״א ה״ד) אַז [המלך המשיח] ער וועט כופה זיין דעם כלל ישראל צו דער תורה, ס׳איז דאָ סימנים.

און דערנאָך [יש עוד סימנים], די סימנים וועט מען דעמאָלטס מגלה זיין.

אַזוי ווי מ׳האָט נאָכנישט געוואוסט [במצרים] דעם פָּקֹד יִפְקֹד אויך נישט ביז צו די לעצטע רגע, [כדאיתא בפרקי דרבי אליעזר, (פרק מח)] אַלע חכמי ישראל האָבן נישט געוואוסט, זיי זענען געגאַנגען פרעגן סרח בת אשר זי איז מקובל געווען, זיי האָבן נישט געוואוסט קיינער, [ואמרו לה על משה רבינו] ער טוט אַלע נסים, האָט זי געזאָגט דאָס איז גאָרנישט, סרח בת אשר זי איז מקובל געווען זי האָט געוואוסט דעם סימן.

**נט**

**ביאור קושיא ג**

מאחר שחששו שיוסף רוצה לקחת מלוכה קודם הזמן, שזהו סכנה גדולה דנוהו למיתה כדין מזיק את הרבים

[ועכ״פ מדברי העקידה] זעט אויס אַז ס׳איז גאָר אפילו ביי די אומות העולם [יש שבועה שלא למהר הגאולה].

ממילא קומט דאָך אויס אַז זיי האָבן דאָ דערהערט פון אים [מיוסף הצדיק] ער וויל דאָ נעמען אַ מלוכה, די מלוכה איז דאָך תלוי אויף היצט צי אויף שפּעטער.

קען זיין פאַרקערט, אויף שפּעטער אויף משיח בן יוסף האָבן זיי מסכים געווען, וואָרן ס׳איז דאָך דער אמת אַזוי, אין דעם האָבן זיי נישט קיין טעות געהאַט, זיי האָבן אַלדינגס געזען.

נאָר דאָס [החלום] ווייזט דאָך אָבער אויף ׳שוין׳, הֲמָלֹךְ תִּמְלֹךְ צוויי מאָל, אויף היצטערט, אויף היצטערט האָבן זיי געזאָגט דאָס איז נישט מעגליך, ס׳איז אַ סכנה, אַ מכשול לרבים, ס׳איז יהרג ואל יעבור, חלילה וָמֵתוּ כָּל הַצֹּאן, אַ מכשול לרבים, איז נישט פאַרהאַנדן, טאָר מען נישט, דאָס טאָר מען נישט צולאָזן.

האָבן זיי אַ קוק געגעבן זענען זיי מחוייב, איז מען מחוייב לעשות לו דין, וואָרן קודם איז די הלכה אַזוי, אַז די הלכה איז יהרג ואל יעבור, [ועוד] פונדעסטוועגן ווען ס׳איז אַ מכשול לרבים איז דאָך נישט פאַרהאַנדן, קען מען דאָך נישט, דאָרט איז נישט פאַרהאַנדן.

ס׳שטייט דאָך ביי יעדן היזק רבים דאַרף מען ניטאַמאָל האָבן קיין בית דין און נישט דן זיין, איז כל הקודם זכה[לז], שטייט דאָך גאָר אַזוי איז דער דין די הלכה, האָבן זיי געטוהן כדת וכהלכה.

[לז] עיין בשו״ע (חו״מ שפח, י. וסימן תיד). ועיין בספורנו (לז, כה) שכתב, שחשבו את יוסף ל״רודף״ שכל הקודם להרגו זכה, כשאין דרך להציל הנרדף בזולת זה.

KolSatmar.com

### ס
**ביאור קושיא ז - ח**

וְעַתָּה, בגלגול הזה לְכוּ וְנַהַרְגֵהוּ. וְנִרְאֶה מַה יִּהְיוּ חֲלֹמֹתָיו לעתיד, בגלגול "משיח בן יוסף"

דאָס קאָן זיין איז דער פשט, אויף שפעטער זענען זיי צופרידן, האָבן זיי גערעכנט נאָר וואָס דען שפעטער וועט זיין התגלות דעמאָלטס וועט מען וויסן, איי וויאַזוי וועט זיין [הענין דלעתיד] אַז מ'וועט אים הרג'נען?

[האָבן זיי גערעכנט] שפעטער וועט ער נתגלגל ווערן, ס'שטייט (שער הגלגולים הקדמה לא) רבי ישמעאל בן אלישע איז געווען נשמת יוסף, ווער ווייסט דען, משיח בן יוסף וועט אויך זיין נשמת יוסף, האָבן זיי גערעכנט אויף שפעטער קאָן עס גוט זיין.

[ולכן] האָבן זיי געזאָגט "וְעַתָּה" לְכוּ וְנַהַרְגֵהוּ, אויף היצטערט אַמאָל וועט מען אים הרג'נען.

נאָר "**וְנִרְאֶה**" מַה יִּהְיוּ חֲלֹמֹתָיו [קאי על לעתיד].

דעמאָלטס איז דאָך עַיִן בְּעַיִן **יִרְאוּ** בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן (ישעי' נב, ח), דעמאָלטס וועט מ'וועט זען יעדערער ס'וועט זיין התגלות.

דעמאָלטס קען אויסהאַלטן דער חלום, מעג ער זיין אַ מלך, ס'איז טאַקע בײַדע אמת [לְכוּ וְנַהַרְגֵהוּ וגו' וְנִרְאֶה מַה יִּהְיוּ חֲלֹמֹתָיו].

[וזה היה כוונת השבטים בדרך פשטות].

### סא
ביאור דברי רש"י: "רוח הקודש" אומרת כן

נאָר דער רוח הקודש האָט געזאָגט, דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט אפילו היצט וועט עס אויך זיין.

איי וויאַזוי דען?, דער אמת איז ער דאָך געווען דאָרט נאָר אַ מלך "מצרים".

### סב
**אופן ב: בביאור קושיא ו**

קען טאַקע זיין מהאי טעמא האָבן זיי [יעקב אבינו והשבטים] נישט געטאָרט ניטאַמאָל וויסן.

וואָרן דער חלום האָט געמוזט מקויים ווערן [וכנ"ל (אות נג) בשל"ה].

ס'איז אויך געווען פון הקב"ה, עָמְקוּ מחשבותיו יתברך, ס'האָט טעמים כדי ער זאָל האָבן די ממשלה וועט ער מכניע זיין די כוחות הטומאה בעסער, ס'האָט געמוזט זיין, אַז דער חלום האָט געברויכט צו זיין.

אַ מלך ישראל טאָר ער דאָך אָבער נישט זיין פאַר דער צייט, אַזוי אַז זיי האָבן נישט געוואוסט, וואָרן זיי האָבן ניטאַמאָל געמוזט וויסן, וועט ער זיין אַ מלך אויף מצרים, זיי האָבן געוואוסט אַז זיי בוקן זיך פאַר אַ מצרי, ווען דער חלום איז נתקיים געוואָרן זענען זיי געגאַנגען צו אַ מצרי, דאָס איז מקויים געוואָרן ביי אַ מצרי, ס'האָט נישט געטאָרט טאַקע זיין ביי יוסף הצדיק [כמלך ישראל], ממילא האָט מען ניטאַמאָל געטאָרט וויסן פון דעם, האָט ער נישט געטאָרט מגלה זיין.

KolSatmar.com

סג

ממילא אַז מ׳האָט די גאַנצע מעשה נישט געטאָרט וויסן האָבן זיי נישט געטאָרט וויסן אַז ער וועט זיין אַ מלך מצרים, און אַז זיי האָבן פון דעם נישט געטאָרט וויסן, האָבן זיי דאָך געמיינט ער וועט זיין אַ מלך ישראל, אַז ער איז אַ מלך ישראל איז אים טאַקע געקומען מיתה כדת וכדין, וואָרן דער חלום האָט דאָס נישט געזאָגט [שיהיה מלך ״על״ מצרים], ממילא איז שוין קיין קשיא אַז זיי האָבן געדאַרפט קודם [דן זיין לכף זכות].

אַז מ׳ווייסט אָבער נישט, וואָרן מ׳האָט דאָך נישט געקאָנט וויסן נאָר ברוח הקודש און מ׳האָט זיי נישט געוואָלט מגלה זיין, אַז זיי האָבן נישט געטאָרט וויסן פון דעם, ממילא האָבן זיי דאָך נאָר גערעכנט אַזוי פשוט, איז טאַקע געוועזן קראַנט, זענען זיי גערעכט געוועזן על פי הלכה.

סד

**ביאור קושיא ד**

[ובזה נבאר איך] זיי האָבן מצרף געווען הקב״ה.

וואָרן דאָס אַז מ׳זאָל נישט אויסזאָגן האָט דאָך הקב״ה אויכעט געוואָלט, וואָרן ס׳האָט דאָך אַזוי געמוזט זיין, ווייל ס׳האָט געמוזט מקויים ווערן, ווייל דער חלום האָט געמוזט מקויים ווערן און מ׳האָט נישט געטאָרט וויסן, האָט דאָך הקב״ה אויך געוואָלט מ׳זאָל נישט מגלה זיין, האָט ער זיך מצרף געווען צו דעם חרם צו דעם חי״ת רי״ש, דאָס איז געווען אמת ויציב און זיי האָבן געטוהן כדת וכהלכה.

סה

## ביאור הפסוק וַיְקַנְאוּ בוֹ - מלשון קִנְאוֹת

קען זיין וַיְקַנְאוּ בוֹ אֶחָיו וְאָבִיו שָׁמַר אֶת הַדָּבָר, [לבאר הלשון] וַיְקַנְאוּ בוֹ.

ס׳שטייט (במדבר כה, יא) פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר וגו׳ בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם, אַז מ׳איז מקנא קנאת ה׳ צבאות ווערט אָנגערופן **קנאות**.

זיי האָבן דאָס געטוהן פאַר גרויס קנאות האָבן זיי געהאַט, זיי האָבן געזען ער וויל זיין אַ מלוכה פאַר דער צייט, זיי האָבן געזען דאָס איז אַ גרויס אומגליק, ס׳איז אַן אומגליק פאַר די וועלט, איבערדעם זאָגט ער ״וַיְקַנְאוּ״ בוֹ אֶחָיו, זיי האָבן מקנא געווען קנאת ה׳ צבאות.

איבערדעם איז געווען וְאָבִיו שָׁמַר אֶת הַדָּבָר, אַז זיי זענען יאָ מְקַנֵּא קִנְאַת ה׳ צְבָאוֹת דעמאָלטס וועט עס געלונגען, וועט עס דורכגיין און ס׳וועט הערשט גוט זיין, פונקט פאַרקערט איז דאָס געווען אַ זכות גאָר.

סו

אף שעשו כדין תורה מאחר שיש בו גם ענין חטא יש בו עונש

נאָר אָבער אף על פי כן, איי מ׳פרעגט די קשיא פאַרוואָס איז געווען אַן עונש [אם עשו כדין תורה].

[על זה יש לומר] ווארן מ'האָט דעך דאָך מְצַעֵר געווען אַ צדיק, ס'איז דאָך געווען עַל מִכְרָם בַּכֶּסֶף צַדִּיק [וְאֶבְיוֹן בַּעֲבוּר נַעֲלָיִם] (עמוס ב, ו), **מוז מען עפּעס ליידן.**

אַזוי ווי כ'האָב פריער געזאָגט (אות יד) **דאָס תוספות**, ס'ליגט 'דאָך' דערינען אַ פּגם, אַזוי ווי אַ תענית חלום אין שבת, אַזוי ווי תוספות באַנוצט זיך מיט דעם אַסאַך, - כ'האָב געזאָגט ביי שלש סעודות, - תוספות זאָגט עס אַקעגן [דעם, דקשה הלא אַ] נזיר איז אַ "חוטא", און ס'שטייט הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין. דאָ הייסט מען אים אַזוי טאָן [שיהיה נזיר], און דאָ איז ער אַ חוטא?

זאָגט תוספות ס'קען זיין [שניהם], מ'הייסט אים אַזוי טאָן און ער איז 'דאָך' אַ חוטא, ווייל בעצם ליגט דערינען אַ פּרט [שהוא בחינת חטא], אַזוי זאָגט תוספות.

דאָס [מכירת יוסף] איז אויך אַזאַ מאָדע ענין.

**סז**

על כל פנים זיי זענען געווען כולם קדושים און כולם צדיקים און אַלעס איז געווען כדת וכהלכה, ס'האָט אַלעס אויסגעהאַלטן.

ממילא זיי האָבן טאַקע געוואוסט ער איז אַ קדוש עליון, זיי האָבן דאָס אַלעס געוואוסט, אָבער דאָך דאָס האָבן זיי נישט געקאָנט צונעמען [לקבל דבריו], דאָס האָבן זיי נישט געקענט, דאָס וְלֹא יָכְלוּ דַּבְּרוֹ לְשָׁלֹם, דאָס איז וְלֹא יָכְלוּ דַּבְּרוֹ לְשָׁלֹם, זיי זאָלן דאָס צונעמען זיי זאָלן שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק מיט דעם רעיון [שיהיה מלוכה טרם הזמן], דאָס האָבן זיי נישט געקענט.

**סח**

## ביאור המדרשים בקושיות א - ב

איבערדעם, לכאורה די זעלבע זאַך [בחינת נוֹרָא עֲלִילָה] איז געווען ביי ראובן'ן.

די **גמרא** זאָגט[לח], פאַרוואָס האָט מען אַוועקגענומען די בְּכוֹרָה פון ראובן'ן און מ'האָט עס געגעבן פאַר יוסף.

[ומתמה] שטייט[לט] **בְחַלְּלוֹ יְצוּעֵי אָבִיו** פרעגט די גמרא. [ומתרץ מה ראה אַז] מ'האָט עס 'אים' געגעבן [פאַר] יוסף הצדיק.

---

[לח] **בגמרא** (בבא בתרא קכג.) בעא מיניה רבי חלבו מרבי שמואל בר נחמני, מה ראה יעקב שנטל בכורה מראובן ונתנה ליוסף, מה ראה? וּבְחַלְּלוֹ יְצוּעֵי אָבִיו כתיב, אלא מה ראה שנתנה ליוסף. אמשול לך משל למה הדבר דומה, לבעל הבית שגדל יתום בתוך ביתו, לימים העשיר אותו יתום ואמר אהניהו לבעל הבית מנכסי [פירש הרשב״ם, לבעל הבית יוסף. יתום, יעקב דכתיב וַיְכַלְכֵּל יוֹסֵף אֶת אָבִיו וגו'. לסוף העשיר יעקב, שבאה לידו בכורת ראובן על ידי שחילל יצועי אביו, והיה יכול ליתנה לכל מי שירצה]. אמר ליה, ואי לאו דחטא ראובן לא מהני ליה ליוסף ולא מִדָּעַם, אלא רבי יונתן רבך לא כך אמר, ראויה היתה בכורה לצאת מרחל דכתיב אֵלֶּה תֹּלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף, אלא שקדמתה לאה ברחמים, ומתוך צניעות שהיתה בה ברחל החזירה הקב״ה לה. מאי קדמתה לאה ברחמים וכו'. ומאי צניעות היתה בה ברחל, דכתיב וַיַּגֵּד יַעֲקֹב לְרָחֵל כִּי 'אֲחִי' אָבִיהָ הוּא וְכִי בֶּן רִבְקָה הוּא, והלא בן 'אחות' אביה הוא, אלא אמר לה, מִינְסְבַת לִי? אמרה ליה, אִין, מִיהוּ אַבָּא רַמָּאָה הוּא, וְלָא יָכְלַתְּ לֵיהּ. אמר לה, מאי רמאותיה? אמרה ליה, אִית לִי אֲחָתָא דְּקַשִּׁישָׁא מִינַּאי, וְלָא מִינְסִיב לִי מִקַּמָּהּ. אמר לה, 'אחיו' אנא ברמאות. אמרה ליה, וּמִי שָׁרֵי לְהוּ לְצַדִּיקֵי לְסַגּוּיֵי בְּרַמָּאוּת? אִין, עִם נָבָר תִּתָּבָר, וְעִם עִקֵּשׁ תִּתַּפָּל (שמואל ב' כב, כז). מסר לה סימנין. כִּי קָא מְעַיְּילִי לַהּ לְלֵאָה, סָבְרָה, הַשְׁתָּא מִיכַּסְפָא אַחְתִי, מְסַרְתִּינְהוּ נִיהֲלָהּ, והיינו דכתיב וַיְהִי בַבֹּקֶר וְהִנֵּה הִיא לֵאָה, מכלל דעד השתא - לאו לאה הואי? אלא מתוך סימנים שמסר לה יעקב לרחל, ומסרתן ללאה, לא הוה ידע לה עד ההיא שעתא.

KolSatmar.com

ענדליך [=לבסוף] בלייבט די גמרא, ווייל לעולם איז ראויה היתה בכורה לצאת מרחל, יוסף'ן איז געקומען די בכורה, נאָר שקדמתה לאה ברחמים, ומחמת צניעות שהיתה ברחל האָט מען איר געדאַרפט צוריק געבן. וואָס איז געווען דאָס צניעות?, ביי די חתונה, אַזוי ווי די גמרא זאָגט שוין [שמסרה הסימנים ללאה].

קומט אויס אַז פון דעמאָלטס אָן איז עס געקומען פאַר יוסף'ן, און צניעות היתה ברחל, ס'איז נאָך פון דעמאָלטס אָן געקומען.

און וואָס'זשע דען איז דער [פסוק בדברי הימים] **בְחַלְּלוֹ יְצוּעֵי אָבִיו** [נִתְּנָה בְּכֹרָתוֹ לִבְנֵי יוֹסֵף. הרי מבואר טעם אחר] ?.

מוז איך אויך זאָגן די זעלבע זאַך, אַזוי ווי דער **רמב"ם** זאָגט (בפיה"מ סוף מסכת ברכות) נורא עלילה על בני אדם, וואָרן מדותיו של הקב"ה איז דאָך **מדה כנגד מדה**, איז מען מזמין [לראובן] אַן עָוֹן [שהוא כעין מדה כנגד מדה].

לעולם דאָס האָט אַזוי געברויכט צו זיין [ליתן הבכורה ליוסף], דער עָוֹן האָט מען אים נאָר מזמין געווען ס'זאָל זיין אַ תירוץ פאַרוואָס מ'גיט אים נישט די בכורה.

אַזוי ווי דער מדרש (תנחומא, ד) זאָגט די וואָכעדיגע סדרה, און דער רמב"ם זאָגט, נוֹרָא עֲלִילָה עַל בְּנֵי אָדָם, מ'איז מזמין אַן עָוֹן.

קומט אויס לפי זה איז דאָך ראובן'ס עָוֹן נישט געווען אַזוי האַרב, ס'איז אינו דומה, ער האָט טאַקע געדאַרפט [עפּעס] ליידן, אָבער אינו דומה ווען ס'איז טאַקע חלילה מ'טוט חלילה טאַקע אַן עָוֹן, [צו ווען] מ'טוט אַזאַ'ן עון וואָס ס'איז גאָר דער רצון הבורא ברוך הוא אַז ס'זאָל געשען, ס'איז טאַקע אַ פגם אָבער ס'איז אַ גרויסער חילוק.

אָבער וואָס איז דער תירוץ פון דעם עָוֹן [שהוא רק בבחינת נורא עלילה], ווייל יוסף זאָל האָבן די בכורה, דאָס אַלעס איז רעכט אַז יוסף הצדיק איז אויף דעם עולם.

**סט**

**ביאור קושיא א**

המדרש פליאה: הַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא מִמַּעֲשֵׂה בִּלְהָה

זאָגט ער **וַיָּשָׁב רְאוּבֵן** [אֶל הַבּוֹר] **וגו' וַיֹּאמַר הַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ**, אַז יוסף הצדיק איז נישטאָ, איז דאָך שוין נישטאָ דער תירוץ אַז פאַרדעם האָט מען אים מזמין געווען ווייל [פאַר] יוסף'ן איז געקומען די בכורה, ער איז דאָך גאָרנישט דאָ בעולם, ממילא **אָנָה אֲנִי בָא מִמַּעֲשֵׂה בִּלְהָה**, נו האָב איך דאָך שוין נישט קיין שום התנצלות אויף דעם עון פון מעשה בלהה, וואָרן ס'איז דאָך שוין דאָס אַוועקגעפאַלן, ער איז שוין נישטאָ.

נו אָבער דער אמת איז דאָך אָבער געווען, ער [יוסף הצדיק] איז דאָך יאָ געווען אַזוי [שהיה חי], און ס'איז געבליבן [הבכורה ליוסף, ושפיר היה לראובן התנצלות

---

[לט] בדברי הימים א' (ה, א) וּבְנֵי רְאוּבֵן בְּכוֹר יִשְׂרָאֵל, כִּי הוּא הַבְּכוֹר, וּבְחַלְּלוֹ יְצוּעֵי אָבִיו נִתְּנָה בְּכֹרָתוֹ לִבְנֵי יוֹסֵף בֶּן יִשְׂרָאֵל וְלֹא לְהִתְיַחֵשׂ לַבְּכֹרָה.

KolSatmar.com

[על מעשה בלהה], אָבער קודם דעמאָלטס האָט ער געזאָגט וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא מִמַּעֲשֶׂה בִּלְהָה.

### ע
### ביאור קושיא ב

המדרש פליאה: בְּשָׁעָה שֶׁאָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה הֵן קָרְבוּ יָמֶיךָ לָמוּת, אָמַר יְחִי רְאוּבֵן וְאַל יָמֹת.

לאָמיר זען [טעם אחר, שיש להקדים את יוסף לפני ראובן].

[דהנה מצינו] יעקב אבינו האָט אפרים׳ן געשטעלט לִפְנֵי מְנַשֶּׁה, [ואמר הטעם כי] וְזַרְעוֹ יִהְיֶה מְלֹא הַגּוֹיִם[מ], ווייל יהושע האָט געמאַכט העמדת החמה.

נו אַז אפרים האָט געדאַרפט צו זיין פאַר מנשה׳ן ווייל ס׳קומט פון אים אַרויס יהושע וואָס ער וועט מעמיד החמה זיין לעיני כל העולם, נו לכאורה פאַרדעם קומט דאָך יוסף׳ן די בכורה אויכעט פאַר ראובן׳ן, וואָרן יהושע קומט דאָך פון יוסף׳ן אויך, וואָרן אַז ס׳קומט אַלס פון אפרים׳ן, פון יוסף הצדיק קומט דאָך עס אויך אַרויס.

איז דאָך דאָס אויך אַ טעם, איז דאָס אויכעט וועגן דעם אַליין קען ער [ראובן] אויך האָבן אַ שטיקל התנצלות, אַז ס׳האָט אַזוי געברויכט צו זיין [שיוסף יקח הבכורה, מחמת שיהושע יצא ממנו, ומַּעֲשֶׂה בִּלְהָה הוא רק בבחינת נוֹרָא עֲלִילָה].

### עא

און פאַרוואָס האָט יהושע מעמיד געווען החמה, ווייל משה רבינו האָט נישט געקאָנט קומען קיין ארץ ישראל, ווען משה רבינו קומט קיין ארץ ישראל, קומט דאָך יהושע קיינמאָל נישט [להיות המנהיג], איז דאָך נישטאָ, איז דאָך יהושע נישט, העט ער נישט מעמיד החמה געווען, איז דאָך דאָס גאַנצע נישט [החשיבות להקדים את אפרים ואת יוסף].

אָבער אַז משה רבינו איז נישט געקומען קיין ארץ ישראל, האָט דאָך יהושע מעמיד געווען החמה, איז דאָך שוין דאָ אַ תירוץ אויף דעם אַז ס׳האָט געדאַרפט קומען אים [יוסף] די בכורה, האָט ראובן אַ התנצלות אויף זיין חטא.

### עב

[ובזה נבא לביאור המדרש פליאה], **בשעה שאמר הקב״ה למשה הֵן קָרְבוּ יָמֶיךָ לָמוּת**, אַז ס׳איז הֵן קָרְבוּ יָמֶיךָ לָמוּת וועט דאָך יהושע קומען, און אַז יהושע וועט זיין, יהושע מכניס, וועט ׳ער׳ דאָך מעמיד החמה זיין, ממילא איז יְחִי רְאוּבֵן וְאַל יָמֹת, איז דאָך שוין דאָ אַ התנצלות אויף ראובן׳ס חטא, וואָרן ס׳איז געווען ווייל ס׳האָט אַזוי געברויכט צו זיין ס׳זאָל אים [יוסף] אויסקומען די בכורה, איז דאָך דאָס אויך אַן התנצלות, איבערדעם טאַקע פון דעם איז יְחִי רְאוּבֵן וְאַל יָמֹת.

---

[מ] **בפסוק** (ויחי מח, יט) וַיֹּאמֶר יָדַעְתִּי בְנִי יָדַעְתִּי גַּם הוּא יִהְיֶה לְּעָם וְגַם הוּא יִגְדָּל וְאוּלָם אָחִיו הַקָּטֹן יִגְדַּל מִמֶּנּוּ וְזַרְעוֹ יִהְיֶה מְלֹא הַגּוֹיִם וגו׳, וַיָּשֶׂם אֶת אֶפְרַיִם לִפְנֵי מְנַשֶּׁה. ופירש״י שעתיד יהושע לצאת ממנו וכו׳ כל העולם יתמלא בצאת שמעו כשיעמיד חמה בגבעון וירח בעמק אילון. ומקורו בגמרא (ע״ז כה.)

KolSatmar.com

עג

# ענין החורבן וההצלה

## חיוב להודות ולשבח על גודל הנסים

על כל פנים ס׳איז אַלעס בהשגחה פרטיות, עד היכן הדברים מגיעים, וואָרן דער אמת על כל פסיעה ופסיעה ברויך מען משבח זיין דעם בורא כל עולמים, דער בורא כל עולמים העלפט.

דאָס דאַרף מען נישט צו זאָגן, מ׳זאָג מיר [בנוסח הגדה] **שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבַד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, אֶלָּא שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ.**

מ׳זאָג מיר אַליין, זעמיר מעיד אַז אין יעדן דור פלאַנט מען חלילה חס ושלום מְכַלֶּה צו זיין, בידוע שעשו שונא ליעקב[מא], מ׳האָט אונז נישט געהייסן זאָגן קיין שקר, און ווי קען מען זאָגן בְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, מ׳וועט דאָך נישט זאָגן קיין שקר חלילה. מסתם איז קַמֵּי שְׁמַיָּא גַּלְיָא [שכך הוא ברצונם, נאר] מ׳דאַרף נישט ענטדעקן אַזאַלעכע פלענער אַז מ׳וויל חלילה אומברענגען דעם כלל ישראל, וואָרן קמי שמיא גליא, מ׳זאָג מיר אויף דעם עדות יעדעס יאָר, נאָר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם.

עד

ווי **רבי יעקב עמדין** זאָגט[מב] ער שווערט זיך חי [נפשי] אַז דאָס איז דאָס גרעסטע נס [אַז] אידן זאָלן בלייבן לעבן שה אחת בין כמה זאבים, צווישן די אומות העולם אַז אידן בלייבן, דאָס איז דאָס גרעסטע נס. אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים, אַלעס איז נסי נסים אַז אידן בלייבן.

מובן מאליו אַז מ׳איז שוין טאַקע חלילה געוועזן נידון, אַזוי ווי מ׳איז געוועזן באותו הזמן [של שנות המלחמה האיומה], אין די זמנים, אַזוי ווי ס׳איז געוועזן נעבעך, אידן האָבן מיטגעמאַכט דאָס לעצטע דור אונטער די רשעים, און ס׳איז שוין געוועזן טאַקע [תחת ידם], איז נאָך אַ גרעסער נס.

עה

אַזוי ווי ס׳איז פאַרהאַנדן [חיוב להודות, אויף] אַ נס בפרטיות, ס׳איז פאַרהאַנדן ברכת הגומל און ברוך שעשה לי נס במקום הזה, כאָטשיג מ׳זאָגט דאָך [בברכת מודים, וְעַל נִסֶּיךָ שֶׁבְּכָל יוֹם עִמָּנוּ] ס׳איז כסדר נסים.

---

[מא] **בספרי** (בהעלתך) אמר רבי שמעון בן יוחאי, הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב. (מובא ברש״י וישלח לג, ד).

[מב] **בסידור היעב״ץ** (בהקדמה, במאמר סולם בית קל) וז״ל: איך לא יבוש הכופר בהשגחה ויעמוד נִכְלָם, מי שיעיין ביחוד עִנְיָנֵנוּ וּמַעֲמִידֵנוּ בעולם, אנחנו האומה הגולה, שה פזורה, אחרי כל מה שעבר עלינו מהצרות והתמורות אלפים מהשנים, ואין אומה בעולם נרדפת כמונו, מָה רַבִּים היו צרינו, מָה עָצְמוּ נשאו ראש כל הקמים עלינו מנעורינו להשמידנו, לְעָקְרֵינוּ, לְשָׁרְשֵׁינוּ מפני השנאה שסיבתה הקנאה, רַבַּת צְרָרוּנִי גַּם לֹא יָכְלוּ לנו לאבדנו ולכלותינו, כל האומות הקדומות העצומות אָבַד זִכְרָם, בָּטַל סִבְרָם, סָר צִלָּם, ואנו הדבקים בה׳ כולנו חיים היום, לא ניפקד ממנו בכל תוקף אריכות גלותינו, אפילו אות וניקוד אחד מהתורה שבכתב, וכל דברי חכמים קיימים, וְלֹא יִטֶּה לָאָרֶץ מִנְלָם [מלשון שלימות] (איוב טו, כט), לא שָׁלַט בהם יד הזמן ולא כִלָּם, מה יענה בזה פילוסוף חריף, הֲיַד הַמִּקְרֶה עשתה כל אלה?! **חי נפשי כי בהתבונני בנפלאות אלה, גדלו אצלי יותר מכל נסים ונפלאות שעשה השם יתברך לאבותינו במצרים, ובמדבר, ובארץ ישראל,** וכל מה שֶׁאָרַךְ הגלות יותר, נִתְאַמֵּת הנס יותר ונודע מעשה תוקפו וגבורתו, עכ״ל.

KolSatmar.com

קאָן מען זאָגן [דענין הודאה בנסים איז] אַזוי ווי אַן עשה שבכללות[מג], דאָס [שבכל עת] איז נסים כלליים, און דאָס [בעת צרה] אַז מ'ווערט ניצול, איז אַ נס פרטי, מאַכט מען אַ ברכה, דאָס איז אַ ניסא דרבים און דאָס איז אַ ניסא דיחיד.

בעוונינו הרבים [יש להמליץ] ס'איז "ניסא דיחיד" געווען, ס'זענען [נאָר] יחידים ניצול געוואָרן, ס'איז נעבעך געבליבן [נאָר] דאָס וואָס ס'איז נעבעך געבליבן, טאַקע נאָר יחידים זענען ניצול געוואָרן.

**עו**

אָבער דער אמת איז שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ אָבער הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם, דאָס איז די איינציגע עצה, דאָס איז עס.

**דאַרף מען געבן שבח והודיה פאַר'ן בורא כל עולמים אויף די נסי נסים, אויף דעם ביסל אידן וואָס ס'איז געבליבן אויף דער שבועה[מד] אַרויף** [דכתיב (ויקרא כו, מד)] **לֹא מְאַסְתִּים וְלֹא גְעַלְתִּים לְכַלֹּתָם** [לְהָפֵר "בְּרִיתִי" אִתָּם]**, מִי יוֹדֵעַ ווען נישט דאָס. אידן זענען געבליבן ס'זאָל בלייבן אַ שארית פאַר'ן כבוד שמים.**

**עז**

און ווידעראום זענען געבליבן אַסאַך אויף מנסה צו זיין אידן, הִנִּיחַ אוֹתָם לְנַסּוֹת בָּהֶם אֶת יִשְׂרָאֵל[מה], פאַר נסיונות פאַר אידן חלילה, אַזוי ווי ס'איז נעבעך אין דעם דור עיקבא דמשיחא.

און הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם! דאָס זעט מען! נסים געשען דורך הקדוש ברוך הוא [שניצולים מאלו שנשארו לְנַסּוֹת].

**אַזוי ווי די גמרא זאָגט[מו], זיי האָבן געזאָגט גַּפָּא דְּרוֹמָאֵי בְּהָא נָחְתִינָן וּבְהָא סַלְקִינָן, זאָגט די גמרא זיי קלערן גאָרנישט אַנדערשט, אַזוי שטייט אין די גמרא.**

---

[מג] שיש חילוק בין מצוה כלליות למצוה פרטיות, וכמו דקיימא לן שאין לוקין על לאו "שבכלליות" רק על לאוין פרטיים, כמו כן אצל הנסים יש חילוק בין נסים כללים שבהנהגת העולם בכל יום, לנסים פרטים שניצולים בעת צרה.

[מד] עיין ס"ג וישלח תשי"ז (לשון קדשו אות מו) בענין השבועה שלא יהא כליון האומה, כמבואר ברמב"ם.

[מה] עפ"י הפסוק (שופטים ג, א) וְאֵלֶּה הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הִנִּיחַ ה' לְנַסּוֹת בָּם אֶת יִשְׂרָאֵל.

ובזוהר הקדוש (מדרש הנעלם, וירא קו.) כתב על פסוק זה וז"ל, אָמַר רַב אַחָא לֹא בָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַיֵּצֶר הָרָע אֶלָּא לְנַסּוֹת בּוֹ בְּנֵי אָדָם. וּמִי בָּעֵי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְנַסּוּתָא בִּבְנֵי נָשָׁא? אִין. דְּאָמַר רַב אַחָא מְנָא לָן מִדִּכְתִיב, (דברים יג, ד) כִּי יָקוּם בְּקִרְבְּךָ נָבִיא וגו' כִּי מְנַסֶּה ה' אֱלֹקֵיכֶם וגו'. וְלָמָּה בָּעֵי נַסּוּתָא דְּהָא כָּל עוֹבָדוֹי דְּבַר נָשׁ אִתְגְּלֵי קַמֵּיהּ, אֶלָּא שֶׁלֹּא לָתֵת פִּתְחוֹן פֶּה לִבְנֵי אָדָם.

[מו] בפסחים (פז:) אמר ליה ההוא מינא [נכרי] לרבי חנינא, אנן מעלינן מינייכו [אנחנו טוב יותר מכם היהודים] וכו', ואלו אנן איתינכו גבן [שאתם נמצאים בגלות אצלנו] כמה שני [שנים], ולא קא עבדינן לכו מידי וכו'. נטפל ליה רבי אושעיא, אמר ליה [זה שאינכם הורגים בנו, הוא] משום דלא ידעיתו היכי תעבדו [שאינכם יודעין איך להשמידנו], תכלינן כולהו [שאם תרצו להרוג כל היהודים] ליתנהו גבייכו [אין כולנו נמצאים אצלכם, ואם תהרגו] מאי דאיכא גבייכו, קרי לכו "מלכותא קטיעתא". אמר ליה [ההוא מין, נשבע אני בעבודה זרה] גפא דרומאי! בהא נחתינן ובהא סלקינן [באותו מחשבה האיך לכלות את ישראל אנו יורדין ואנו עולים, כלומר אנו עסוקים תמיד במחשבה זו].

וזלש"ק של רבינו (במסיבה במאנטריאל כי תבא תשכ"ג, לשון קדשו אות כו) די וואָס זיי ווילן מעביר על הדת זיין, דאָס איז זייער גאַנצער מַגְמָּתָם וְחֶפְצָם, קיינער איז נישט מסופק אין דעם אַז בְּהָא נָחְתִינָן וּבְהָא סַלְקִינָן. ווי די גמרא זאָגט גַּפָּא דְּרוֹמָאֵי בְּהָא נָחְתִינָן וּבְהָא סַלְקִינָן, מיט דעם לייגן זיי זיך און מיט דעם שטייען זיי אויף. ווי שלמה המלך האָט מעיד געווען (משלי ד, טז) כִּי לֹא יִשְׁנוּ אִם לֹא יַכְשִׁילוּ, זיי קענען נישט שלאָפן אַז זיי וועלן דיך נישט מכשיל זיין, אַזוי זאָגט ער, וְנִגְזְלָה שְׁנָתָם אִם לֹא יַכְשִׁילוּ, אַזוי האָט שלמה המלך מֵעִיד געווען.

KolSatmar.com

ס׳איז נאָך אייביג אַזוי געווען, בימי הרומיים, מ׳האָט געקלערט אויפן איד, אייביג איז נאָך אַזוי געווען, נאָר וואָס דען הקב״ה האָט אונז מציל געווען, גדול כח הרועה המצילן (אסתר רבה י, יא).

עח

## סכנות שגורמים הציונים והניסים להנצל מהם

בעונותינו הרבים דאַרף מען גרויס רחמים אַז מ׳גייט נישט דעם דרך [של השבטים הקדושים שלא ליקח מלוכה לפני הזמן], אַז מ׳גייט נישט דעם דרך, נישט נאָר [שאינו מועיל] אויף מציל זיין, [אלא שעושין] דאָס וואָס מ׳האָט אָנגעזאָגט חלילה אַז ס׳איז די גרעסטע סכנה.

דאַרף מען דאָך נישט צו זאָגן היצט נאָך, דאָס איז אַ מכה אשר לא כתובה בתורה, די אַלע זאַכן וואָס מ׳האָט אונז אָנגעוואָרנט [שלא ליקח ממשלה, הכוונה] אַז ערליכע אידן וואָס זענען ראוי צו נעמען אַ ממשלה אויף אידן, איז אַ גרויסע סכנה [אם לוקחין לפני הזמן], אַזוי ווי ס׳שטייט חלילה ווי ער האָט געזאָגט וָמֵתוּ כָּל הַצֹּאן.

**אָבער דאָס, ס׳זאָל עמיצן איינפאַלן רחמנא ליצלן אַז מינים און כופרים לא עלינו זאָלן זיין מנהיגי ישראל?! און מיט דעם זאָלן זיך אידן קאָנען פרייען?! און קאָנען זאָגן אויף דעם אַז ס׳איז נסים?!** [זהו מכה אשר לא כתובה בתורה. וכמו שביאר רבינו בס״ג וישלח תשי״ז (לשון קדשו שם אות פג, פד, ואות צא)].

עט

און דער אמת איז, ס׳איז גרויסע נסים אַז ס׳זענען געבליבן [אידן] אין ארץ ישראל, אונטער אַזאַ מלוכה רחמנא ליצלן וואָס די תורה הקדושה זאָגט אַזוי [בעונש חמור כל כך], אַז ס׳בלייבט אידן, איז יעדן טאָג אַ נס.

יעדער איד וואָס ער וואוינט דאָרטן [בארץ ישראל] דאַרף מאַכן [ברכת הגומל] יעדן טאָג, יעדן טאָג ברויך ער גומל בענטשן, וואָרן [שניצול] פון די וואָס ס׳איז די גרעסטע סכנה, סיידן [=אויסער] אַז מ׳איז אַ כופר חלילה אין דברי חכמינו ז״ל (בכתובות קיא. ושהש״ר ב, יח).

השם יתברך זאָל זיך מרחם זיין ס׳זאָל נישט אַזוי זיין אַזוי ווי ס׳שטייט [שם, אני מתיר את בשרכם ח״ו], ברחמיו וחסדיו המרובים, מ׳האָט שוין גענוג געליטן.

פ

## כל החורבן נגרם על ידי העברה על השבועה של דחיקת הקץ

דאָס [המלחמה האיומה בשנות הזעם] איז דאָך אויך געווען פאַר דעם רחמנא ליצלן, די אַלע הריגות, זיי האָבן שוין באַוויזן נסים, מ׳זאָגט היינט זיי ווייזן נסים, זיי האָבן באַוויזן נסים אַז ס׳איז געבליבן פון היטלער׳ן, וואָרן לויט זייערע עונות העט נישט געווען געדאַרפט חלילה בלייבן קיין איד חלילה, אַזוי ווי ס׳שטייט.

דאָס איז דאָך אויך געווען דורך דעם [שעשו פעולות לעבור על השבועה], וואָרן ס׳שטייט [במכילתא על הפסוק] לֹא תִשָּׂא [אֶת שֵׁם ה׳ אֱלֹקֶיךָ לַשָּׁוְא] (שמות כ, ו), אַ שבועה

KolSatmar.com

איז בלב[מז], פון ווען אָן מ׳הייבט אָן צו טאָן דערינען [לעבור עליה], אַ שבועה אַז מ׳הייבט אָן און מ׳האָט זיך מיט דעם מתעסק געווען [דנין ועונשין עליה ח״ו], און דאָס חלילה האָט געבערענגט דעם מַתִּיר אֶת בְּשַׂרְכֶם.

עקסטערדעם וואָס זיי האָבן עס גורם געווען בידים, דאָס איז אַן עקסטערע זאַך, ס׳איז נישט קיין זמן פון דעם צו רעדן, נאָר **על כל פנים** [שבא בדרך עונש] **וועגן דעם חטא** [של העברה על השבועות].

**דער בורא כל עולמים האָט ׳דאָך׳ געהאָלפן ס׳זענען געבליבן אידן, אָבער די נסים קאָן מען נישט פאַר זיי צושרייבן, דאָס קאָן מען נאָר געבן פאַר רחמיו וחסדיו יתברך שמו.**

**פא**

נאָר היצט איז אויך אַזוי, טאַקע דער לעצטער שריט [של כיבוש סיני] וואָס מ׳זאָגט די נסים.

ס׳איז געווען נסים ונפלאות אַז ס׳איז זיי ׳נישט׳ געלונגען, [אַז] זיי זאָלן נישט ווייטער קאָנען לוחם זיין, חלילה ווען זיי זענען ווייטער לוחם בלייבט נישט קיין איד חלילה, ס׳איז געווען אַ נס מן השמים מ׳האָט צוגעפירט אַז די גרעסערע [מדינות][מח] האָבן עס [אָפּגעשטעלט]. זיי [הציונים] האָבן זיך נאָר נאָכגעשלעפּט, זיי זענען דאָך געווען נאָר דער ״שלאַטן שַׁמָּשׁ״ פון די גרויסע, און די גרויסע האָבן זיך אויך דערשראָקן, האָבן זיי אויך געמוזט שטיין בלייבן, איבערדעם זענען אידן לעבן געבליבן.

דאָס נס איז געווען וואָס ס׳איז זיי נישט געלונגען, נישט דאָס וואָס ס׳איז זיי יאָ געלונגען, אַז מ׳וויל גוט קוקן איז עס דברים ברורים, דאָס איז דאָס נס.

**פב**

**און ווער ס׳וויל צוגעבן אַ נס פאַר כופרים לא עלינו, דער איז אַ כופר גלייך מיט זיי, מעג ער זיין ווי גרויס, מעג ער זיין ווער אימער, נישט קיין נפקא מינה.**

במנות הלוי: המחפה ומלמד זכות על עוברי עבירה נענש כמותם

וואָרן דאָס איז אַ כלל, כ׳האָב עס שוין געזאָגט וויפיל מאָל, אַז מ׳איז מחפה אויף עוברי עבירה איז מען גלייך מיט זיי, **עַם אֶחָד הֵן**[מט], כ׳האָב שוין דאָס נאָכגעזאָגט כמה פעמים, אַזוי זאָגט דער **מהר״ש אלקבץ**[נ].

---

[מז] **במכילתא** (פ׳ יתרו) **לֹא תִשָּׂא למה נאמר** [פירוש דכבר נאמר במקומות אחרים דאסור לישבע לשקר], **לפי שהוא אומר** (ויקרא יט, יב) **וְלֹא תִשָּׁבְעוּ בִשְׁמִי לַשָּׁקֶר, אין לי אלא שלא ישבע, מנין שלא יקבל עליו להשבע** [פירוש שלא יקבל עליו במחשבה לישבע לשקר], **תלמוד לומר לֹא תִשָּׂא אֶת שֵׁם ה׳ אֱלֹקֶיךָ, עד שלא קבלת עליך להשבע, הריני לך אלקים, משקבלת עליך להשבע, הריני לך לדיין, שנאמר כִּי לֹא יְנַקֶּה ה׳ אֵת אֲשֶׁר יִשָּׂא אֶת שְׁמוֹ לַשָּׁוְא, עכ״ל. ומפרש שם במרכבת המשנה, דמזה נראה שמענישין בשבועה גם על המחשבה.**

**ועיין ויואל משה** (בהקדמה בעמוד הראשון) **שמבאר רבינו חומר העונש בהעברת על השבועה.**

[מח] המלחמה נגד מדינת מצרים אודות מעבר המים ״סועץ קאַנאַל״, היתה על ידי הציונים ועל ידי מדינות צרפת וענגלאנד, והיות שהמדינות ההם לא רצו להתחיל המלחמה השתמשו בהציונים (כמו ״שלאַטן שמש״) שהם יתחילו המלחמה. אמנם ״הגרויסע״ מדינות כמו ארה״ב, ורוסלאנד, והיו. ען. לא הסכימו לכל המלחמה, והוכרחו להפסיק המלחמה.

[מט] **במגילה** (יג:) **יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד. אמר רבא ליכא דידע לישנא בישא כהמן וכו׳ אמר ליה** [אחשורוש] **מסתפינא מאלהיו וכו׳ אמר ליה** [המן] **יָשְׁנוּ מִן הַמִּצְוֹת, א״ל** [אחשורוש] **אית בהו רבנן,** [אמר המן] **עַם אֶחָד הֵן.**

KolSatmar.com

**פג**

נסים ונפלאות פון השם יתברך איז דאָך געווען זיכער [במה שניצולו אחינו בני ישראל מסכנות שגרמו הציונים], **און מ׳דאַרף ווייטער נאָך גרויס רחמים, און מ׳דאַרף ווייטער גרויסע נסים**, ס׳איז יעדן טאָג נסים, ס׳איז געווען יעדן טאָג נסים.

וואָרן דאָס חלילה אַז מ׳האָט געפלאַנט נאָך אַזאַ שריט [ללחום עם מדינות הערביים, זה גרמה סכנות ביותר], מילא חכמינו ז״ל זאָגן דאָך אַזוי [שיש על זה עונש סכנה], און אויסערדעם וואָס די חכמינו ז״ל זאָגן, מצד הטבע אויך פונעם פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, ס׳איז דאָך נישט קיין הוה אמינא בעולם אַז מ׳רודערט אַזוי אויף אַז מ׳נעמט מיט דער געוואַלד, און יענער איז אַ שונא, וויל ער אודאי חלילה מאבד זיין, דאָס איז נישט קיין שום הוה אמינא, ס׳איז דאָך אַ נס יעדן טאָג [שניצולין מהם], און יעדער ריר [מתנועות הציונים] וואָס מ׳גיט זיך מער, איז נאָך גרעסער די שנאה, איז נאָך גרעסער דאָס נס אַז אידן בלייבן ׳דאָך׳ לעבן ברחמיו וחסדיו המרובים.

**פד**

נאָר די גמרא זאָגט[נא] **האומר הקב״ה וַתְּרָן הוא חלילה וכו׳**, [אלא] **מַאֲרִיךְ רוּחֵיהּ וְגָבֵהּ דִּילֵיהּ.**

די תורה הקדושה האָט געזאָגט ביי עבודה זרה חלילה הַעִידֹתִי בָכֶם הַיּוֹם וכו׳, און אחאב האָט געפרעגט[נב] [מאליהו] דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט [וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וגו׳ וְלֹא יִהְיֶה מָטָר] און ס׳איז נישט מקויים געוואָרן, און ס׳איז דאָ רעגן. נאָר [הענין היה כין] הקב״ה האָט מַאֲרִיךְ אַף געווען, אָבער דער סוף איז דאָך נישט גוט געווען.

השי״ת זאָל זיך מרחם זיין מ׳זאָל תשובה טאָן איידער ס׳וועט קומען צום סוף. דער אייבירשטער זאָל העלפן [שיהיה] די גאולה שלימה, אַז מ׳זאָל צו דעם נישט אָנקומען. אַז נישט ברויך מען גרויס רחמים.

**פה**

אַז איינער וועט זיין אַ שלעכטער מנהיג, און ער וועט פירן מענטשן צווישן גזלנים, און אינדערמיט וועט ער נישט קענען פירן, אינדערמיט וועט ער שטיין

---

[נ] **במנות הלוי** (אסתר ג, ח) פקח עיניך וראה כי <u>על הבלתי מוחים</u> אמר (ויקרא כו, לז) ׳וְכָשְׁלוּ׳ אִישׁ בְּאָחִיו והוא מכשול לבד על שאינם מוחים וגם אינם מחפים, <u>ועל המחפים אמר</u> (שם כ, ה) וְשַׂמְתִּי אֲנִי אֶת פָּנַי בָּאִישׁ הַהוּא וּבְמִשְׁפַּחְתּוֹ, <u>כי הם כעוברי העבירה</u>, אחר שלא די שלא מיחו אלא שחיפו, וזהו עַם אֶחָד הֵן. ע״כ. ועיין **ויואל משה** (מאמר שלש שבועות סימן קמ. ובישוב ארץ ישראל סימן קלו).

[נא] בבא קמא (נ.). **ובמדרש** (בר״ר סז, ד) אמר רבי חנינא, כל מי שהוא אומר שהקב״ה וַתְּרָן הוא יוותרו בני מעוהי, אלא מַאֲרִיךְ אַפֵּיהּ וְגָבֵהּ דִּילֵיהּ.

[נב] **בגמרא** (סנהדרין קיג.) איתא דחִיאֵל בנה את העיר יריחו שיהושע קילל את מי שיבנה אותה שימותו כל בניו, ונתקיים הקללה אצל חִיאֵל, אחאב בא עם אליהו לבית האבלים, ושאל אחאב השתא לווטתא דמשה לא קא מקיימא, דכתיב (דברים יא, יז) וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם וגו׳ וכתיב וְחָרָה אַף ה׳ בָּכֶם וְעָצַר אֶת הַשָּׁמַיִם וגו׳, וההוא גברא [אחאב הרשע] אוקים ליה עבודה זרה על כל תלם ותלם, ולא שביק ליה מיטרא דמיזל מיסגד ליה [שיש כ״כ גשמים שקשה לילך להשתחוות לעבודה זרה מחמת הטיט], לווטתא דיהושע תלמידיה מקיימא? מיד (מלכים א׳ יז, א) וַיֹּאמֶר אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי מִתֹּשָׁבֵי גִלְעָד אֶל אַחְאָב חַי ה׳ אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל וגו׳ אִם יִהְיֶה הַשָּׁנִים הָאֵלֶּה טַל וּמָטָר כִּי אִם לְפִי דְבָרִי, בעי רחמי והבו ליה אקלידא דמטרא [מפתח של מטר], וקם ואזל.

KolSatmar.com

בלייבן און ס׳וועלן לעבן בלייבן אַפּאָר מענטשן, וועט מען זאָגן דער האָט באַוויזן גרויסע נסים, ער האָט זיי געפירט צווישן גזלנים און ער האָט נישט געטויגט [להוליכם] ווייטער, זענען זיי לעבן געבליבן.

**אַזוי זעמיר דאָ היצטערט, וואָרן פון זייער פעולה אויס איז עס געווען די גרעסטע סכנה, דאָס איז אַ דבר ברור, ס׳איז אייביג אַזוי געווען, ס׳איז אַ סכנה,** און מ׳דאַרף צו וואַרטן יעדע רגע [על הצלה מהסכנה].

**פו**

**קיינער האָט נישט קיין רשות, שופך צו זיין דמם של ישראל, אָן אַ דעת תורה, אָן אַ דעת אמת!**

איבערהויפּט אַז יעדער שריט איז באיסור, ווי קאָן מען דאָס קלערן חלילה אַז יעדער טריט און יעדער שריט וואָס מ׳טוט איז באיסור און דאָרט איז השי״ת?!, **דאָרט איז השי״ת נישט מסכים!**, השי״ת איז נישט מסכים דאָס וואָס יעדער שריט [הוא באיסור].

ס׳איז דאָ אַסאַך צו רעדן נאָר ס׳איז נישט דער זמן דערפון, נאָר מ׳קאָן דאָך פאַרשטיין.

**ווי קאָן זיין אַז מ׳גייט שופך דמם של ישראל זיין, בחנם, אויף סברות ריקים וואָס מ׳זעט דאָך בחוש אַז ס׳איז נאָך אַרגער, פון דעם איז קיין רעדע נישט.**

עקסטערדעם איז עס שפיכות דמים און ס׳איז מינות און ס׳איז כפירה לא עלינו, **וואָרן יעדער טריט און יעדער שריט איז דאָך באיסור,** מ׳פאַרגעסט זיך גאָר פון דעם.

**מ׳פאַרגעסט גאָר פון דעם, אַז יעדער טריט אין דער ממשלה, און יעדן פון די אנשי הצבא וואָס מ׳נעמט, אַלעס רחמנא ליצלן איז אונטער אַן איסור חמור ונורא.**

**ווי קענן גאָר אַ איד וואָס ער גלייבט אַז ס׳איז דאָ אַ תורה און ס׳איז דאָ אַ באַשעפער קאָן גאָר קלערן אויף דעם אַז אין דעם איז דאָ אַן השפעה אלקות, פאַר דעם האָט השי״ת געטוהן נסים?!.**

**פז**

נאָר ס׳איז גרויסע נסים רחמים וחסדים אַז מ׳טוט אַזאָלעכע מעשים און זיי זענען ׳דאָך׳ שטעקן געבליבן, און ס׳זענען ניצול געוואָרן אַפּאָר אידן, וואָרן זיי האָבן מְסַכֵּן געווען דעם גאַנצן כלל ישראל נאָך מער, און מ׳איז געבליבן.

מילא פון השי״ת איז אַלעס נסים, איז קיין רעדע נישט, אָבער חס ושלום אַז מ׳זאָל אפילו קלערן איין רגע [לשבח את המינים שעושים נסים].

ס׳איז לא יאומן כי יסופר, ס׳איז גאָרנישטאָ קיין ווערטער מ׳זאָל דאָס קענען אפילו מסביר זיין.

פונקט אַזוי ווי מ׳זאָל מעגן נעמען אַן עבודה זרה אין בית המדרש און זיך בוקן צו איר, איך זאָל מפלפל זיין צי מ׳מעג צי מ׳טאָר נישט, ס׳קומט גאָרנישט

KolSatmar.com

אין גֶדֶר הַסָּפֵק, ס׳איז ביי מיר בלי ספק ווער ס׳האָט נאָר אַ שטיקל דעת, איך קען נישט מיך גיין היצט מפלפל זיין נאָך בפרטיות איך זאָל מיט יעדן שמועסן יעדער וואָס ער האָט אינזין.

פח

נאָר בעוונינו הרבים אַז מ׳איז אַזוי אַריינגעפאַלן, קאָן מען נישט קוקן אויף דעם, **איך זאָג דאָס כסדר** מ׳קאָן אויף דעם נישט קוקן, **מיטן דרך התורה מוז מען גיין, און מ׳טאָר גאָרנישט נאָכלאָזן**, ווען מ׳זאָל אפילו שמועסן ווען **חלילה אַז מ׳זאָל האַלטן דאָרט** - ברוך השם מ׳האַלט דאָך נישט אַזוי ווייט - ווען ס׳זאָל האַלטן דערביי אַז מ׳זאָל **נישט האָבן קיין צען אידן זאָלן מיטגיין מיט דעם, מ׳זאָל מוזן דאַווענען ביחידות, ברויך מען עס אויך צו טאָן!**

איך בין גאָרנישט מסופק אין דעם, ווען חס ושלום ס׳זאָל ביי דעם האַלטן, דאַכט זיך מיר איז ביי מיר קיין שום ספק **איך העט געדאַווענט ביחידות**, איך העט ניטאַמאָל געדאַווענט מיט קיין מנין, איך העט אַלדינגס מוחל געווען, און **פון דעם טאָר מען נישט אָפּטרעטן**.

פט

חלילה וחלילה דאָס פירט אַרויס לא עלינו צו די גאַנצע כפירה, מ׳פאַרגעסט זיך גאָר, צו די גאַנצע כפירה, **אַז מ׳זאָל מסכים זיין צום דרך המינים און צום כח המינות, פון דעם ווערט געשטאַרקט דער כח המינות** אַז מ׳זאָגט אַז מינים און אפיקורסים פירן דורך.

ווי כ׳האָב געזאָגט דאָס פאָריגע מאָל [בס״ג וישלח תשי״ז (אות סג)] מ׳זאָגט בָּחֲנוּ את אֱלֹקִים (מלאכי ג, טו), אַז מינים און אפיקורסים פירן דורך אַלדינגס [וַיִּמָּלֵטוּ!].

און מ׳זעט נעבעך ווי דער כח הצדיקים ווערט כעפרא דארעא, און אַלעס וואָס צדיקים האָבן געזאָגט פריער האָבן זיי זיך חס ושלום [כאילו] טועה געווען זיי האָבן נישט געזען דעם אמת.

אַז [לפי שאומרים] וואו דער מקור פון נסים איז [אצל הציונים, נמצא חס ושלום] מ׳זאָל זיין אַ כופר בעיקר רחמנא ליצלן, מ׳זאָל זיין אַ מסית ומדיח, מ׳זאָל אויס׳שמד׳ן אידן, וועט זיי דער אייבירשטער טאָן נסים?!, מעג מען דאָך אַוועקלייגן די גאַנצע תורה מיט אַלע צדיקים און אַריינפאַלן אין דעם.

**ס׳איז גאָרנישט משיג צו זיין! לא יאומן כי יסופר, אַז ס׳זאָל זיך טרעפן נאָך אַ איד וואָס ער זאָגט איין מאָל אין לעבן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ער זאָל האָבן איין רגע אַ מחשבה דערויף.**

נאָר דאָס איז דאָס גרעסטע נס פונעם ס״מ, אַז ער קאָן אַזוי בלינד מאַכן, דאָס איז אמת׳דיג אַ נס, מ׳זאָל אַזוי קענען מְסַמֵּא עֵינַיִם זיין אַ וועלט.

צ

איך זאָג דאָס כסדר דאָס וואָס דער **חינוך** זאָגט (מצוה כא) [פאַרוואָס] מ׳האָט אַזויפיל מאָל געמאַכט [מצוות ודינים לזכר] אויף יציאת מצרים, אַ זאַך וואָס ס׳איז אַ גרויסער עיקר און ס׳איז אמת .. מוז מען אַסאַך מאָל זאָגן.

KolSatmar.com

### צא
## ענין מסכת עבודה זרה דאברהם אבינו

איך האָב דאָס פאָריגע מאָל געזאָגט אַ סברא, אַ פלא האָב איך געטראָפן נאָכדעם די הערה [בנזר הקודש].

ס׳שטייט די **גמרא** זאָגט (ע״ז יד:) [מסכת] **עבודה זרה דאברהם אבינו** איז געווען ד׳ מאה פירקי, און היינט האָב מיר נאָר פינף פרקים.

נו איז דען עפּעס גרינגער געוואָרן, איז דאָ וויניגער עבודה זרה׳ס ווי ס׳איז געווען דעמאָלטס?, אדרבה ס׳איז דאָ חומרות דרבנן איז דאָ מער, און ס׳איז פלוגתות, אברהם אבינו **שְׁתֵּי כְּלָיוֹת נוֹבְעוֹת לוֹ חָכְמָה**[גג], וואָס האָט ער געדאַרפט האָבן פיר הונדערט פרקים און אונז האָמיר נאָר פינף.

איך האָב אַמאָל געזאָגט שוין - כ׳האָב עס געזאָגט אַמאָל ביי שלש סעודות אויך (בס״ג לך תשט״ז), - ווייל מיטן יצרא דע״ז, ווען דער יצר הרע פאַרלייגט זיך, אויף דעם וואָס דער יצר הרע פאַרלייגט זיך איז דאָ אַזויפיל לבושים און אַזויפיל פרטים אַז ס׳האָט נישט קיין שיעור. נאָר ווען ס׳איז סתם נישט דירעקט פאַרלייגט זיך דער יצר הרע, איז נאָר די הלכות קבועות.

דעמאָלטס [בימי אברהם אבינו] איז דאָך נאָך געווען איידער מ׳האָט מבטל געווען יצרא דעבודה זרה, האָט מען געדאַרפט האָבן פיר הונדערט פרקים אויפ׳ן יצרא דעבודה זרה.

### צב

דערנאָך האָב איך געטראָפן אַז דער **נזר הקודש** (ב״ר צד, ג) זאָגט עפּעס, ער זאָגט אויף אַן אַנדערן אופן, ער איז מעיר דערויף, ער זאָגט אַז יעקב אבינו האָט געזאָגט יעדן הָסִרוּ אֶת אֱלֹהֵי הַנֵּכָר (וישלח לה, ב), פרעגט מען די קשיא און ביז דעמאָלטס, ווי קומט צו יעקב אבינו אין שטוב עבודה זרה.

נאָר דער **מדרש** זאָגט (שם פא, ג) קיינער איז נישט בקי געווען בדקדוקי עבודה זרה אַזוי ווי יעקב אבינו, זאָגט ער [בנזר הקודש] ס׳איז דאָ אַזעלכע עבודה זרה׳ס וואָס קיינער איז נישט קיין מבין, און יעקב אבינו האָט עס איבערגעקוקט האָט ער געזען ס׳איז עבודה זרה די בגדים האָט ער אַלע באַהאַלטן.

זאָגט ער, פאַרדעם איז געווען ד׳ מאות פירקי, ווייל זיי האָבן געהאַט אַזאָלעכע עבודה זרה׳ס וואָס מ׳איז נישט קיין מבין, און היינט איז די חכמה שוין נישטאָ האָט מען שוין נישט קיין ד׳ מאות פירקי.

### צג

נאָר דאָס חידוש איז, אַז די חכמה איז נישטאָ איז עס מותר געוואָרן?, ממה נפשך, אַז ס׳איז עבודה זרה [הרי הוא אסור גם כהיום], פאַרקערט, אַז מ׳איז נישט בקי איז מען מער מחמיר, איז מען מחמיר אפילו דאָס וואָס ס׳שטייט נישט אין ערגעץ.

און דערנאָך, משה רבינו איז דאָך בקי געווען, העט מען געדאַרפט זיין מקובל איש מפי איש, ווען איז עס פאַרגעסן געוואָרן.

---

[גג] במדרש (בר״ר סא, א) וּבְתוֹרָתוֹ יֶהְגֶּה, אמר רבי שמעון בן יוחי, אב לא למדו, רב לא היה לו, ומהיכן למד את התורה, אלא זימן לו הקב״ה שתי כליותיו כמין שני רבנים, והיו נובעות ומלמדות אותו תורה וחכמה.

KolSatmar.com

**צד**

נאָר דאַכט זיך מיר בצירוף מיט דעם וואָס איך האָב געזאָגט, די אַלע לבושים, ווען דער יצר הרע פאַרלייגט זיך איז ער עס מלביש אין אַזאָלעכע ענינים וואָס מ׳זאָל נישט אין אַכט נעמען אין אַזאַ סברא.

אַזוי ווי מ׳זעט היינט מ׳איז מלביש דאָס אפיקורסות, איינער זאָגט אַזוי, איך האָב נישט אַזוי געמיינט איך האָב נאָר אַזוי געמיינט, אָבער ער גיט זיי דאָך גערעכט, און ס׳קומט דאָך אויס אַז דער אפיקורס איז גערעכט, נאָר ער זאָגט נישט בפירוש, ער זאָגט נאָר אַזוי, פאַרשידענע לבושים איז דאָ[נד].

אָבער ווען מ׳האָט מבטל געווען יצרא דעבודה זרה איז שוין נישטאָ אַזויפיל לבושים, ממילא איז שוין די חכמה נשתכח געוואָרן, ווייל מ׳ברויך שוין נישט די חכמה, איז שוין די חכמה נשתכח געוואָרן, אַז ס׳פעלט שוין נישט אויס. איבערדעם דאָס קען זיין, בצירוף מיט דעם אינאיינעם.

**צה**

היינט איז אָבער יצרא דמינות, דער בעל דבר פאַרלייגט זיך, ווען ס׳זאָל היינט זיין אַ מבין העט מען נישט גענוג געהאַט קיין ד׳ מאות פירקי, מ׳זאָל אויסרעכענען דאָס היינטיגע צביעות די היינטיגע לבושים העט מען געדאַרפט האָבן טויזנטער פרקים, מ׳קאָן עס גאָרנישט דערלערנען, ס׳דאַכט זיך שוין עפּעס [שכבר יודעין מהלבושים שלהם] ווערט מען געוואויר נאָך עפּעס אַ לבוש, מ׳קאָן גאָרנישט דערלערנען אַזויפיל.

**צו**

בענין טעה בברכת המינים מסלקין אותו

איך האָב שוין געזאָגט (בס״ג לך וס״ג וישלח תשי״ז) איך וויל נישט איבער׳חזר׳ן, כ׳האָב פאַרענטפערט די **גמרא** זאָגט (ברכות כט.) אַז מ׳זאָגט נישט וְלַמַּלְשִׁינִים [אָז] מסלקין אותו. פרעגט דער **רבינו יונה**[נה] פאַרוואָס נישט ביי תחיית המתים. זאָגט ער ווייל תחיית המתים קען זיין אפילו ער גלייבט אין תחיית המתים איז ער נאָך אויך אַ מין. נאָך זאָגט ער איין תירוץ, ווייל דאָרט שעלט ער דאָך נישט, קאָן זיין

[נד] והאריך רבינו בזה בס״ג וישלח תשי״ז (לשון קדשו אות צג-צד) לבאר הכתוב מַצְדִּיק רָשָׁע וּמַרְשִׁיעַ צַדִּיק תּוֹעֲבַת ה׳ גַּם שְׁנֵיהֶם. דבאֱתְנַן דרשו חז״ל גַּם שְׁנֵיהֶם דגם ״שינוייהם״ אסורה, ואמר רבינו בלש״ק: ס׳איז פאַרהאַנדן אַמאָל אַ מַצְדִּיק רָשָׁע וּמַרְשִׁיעַ צַדִּיק, איינער שעמט זיך צו זאָגן בפירוש אַז דער רשע איז גערעכט און דער צדיק איז נישט גערעכט, זאָגט ער עס מיט שינויים, מיט אַזעלכע ווערטער, ער איז מצדיק די שיטה, ס׳קומט אויס אַז דער אפיקורס איז גערעכט און אַלע צדיקים האָבן זיך חלילה טועה געווען, ער ווערט אַ מַצְדִּיק רָשָׁע וּמַרְשִׁיעַ צַדִּיק ער זאָגט עס מיט שינויים, פאַרדרייט, מיט אַזאַ לשון, און מיט אַזאַ לשון, דרייט אַהין און אַהער, איך וויל נישט דאָ מאריך זיין מיט די אַלע שינוי לשונות, אָבער ס׳קומט אויס צו דעם, די אונטערשטע שורה [שמצדיק רשע, וזש״ה תּוֹעֲבַת ה׳] גַּם שְׁנֵיהֶם, גם שִׁנּוּיֵיהֶם.

[נה] **ברבינו יונה** (ברכות יט:): טעה ״בברכת המינין״ מעלין אותו, דחיישינן שמא מין הוא. ומה שלא אמרו שאם טעה ולא הזכיר ״תחיית המתים״ שמעלין אותו גם כן. – א) מפני שברכת המינין יש בה קללה למינין וכשאינו אומר אותה, אנו חוששין שמפני שהוא מין אינו רוצה לקלל את עצמו, אבל בברכת תחיית המתים כיון שאין בה קללה אין בזה היכר אם הוא מין או לא, שאפשר שאפילו שלא יאמין הוא בתחיית המתים עם כל זאת יאמר הברכה, דמאי איכפת ליה אם יאמר מחיה המתים כיון שאינו מקלל עצמו, הלכך כיון שאפשר שיאמר אותה ויהיה מין ולא נוכל להכיר אותו, אפילו כשלא אמר אותה אין מעלין אותו. – ב) עוד נוכל לומר שבתחיית המתים כשטעה אין מעלין אותו מפני שאפשר שהוא מין ומאמין בתחיית המתים, עכ״ל.

KolSatmar.com

ער זאָגט [ברכת אַתָּה גִּבּוֹר], און ס'איז ליגנט ער גלייבט נישט, אָבער ער זאָל פאַרשעלטן?, אַז ער פון דעם [מהמינים], וועט ער נישט זאָגן [ברכת וְלַמַּלְשִׁינִים].

על כל פנים שטעלט מען אַ יסוד, אַז ער שעלט זיי, אַז ער זאָגט וְלַמַּלְשִׁינִים איז ער זיכער נישט קיין מין. היינט זעט מען אַז טאַקע די וואָס זיי זאָגן דריי מאָל אין טאָג וְלַמַּלְשִׁינִים זענען גרויסע אפיקורסים זענען גרויסע מינים, נאָר ׳פרומערע׳ מינים, און ער שרעקט זיך גאָרנישט איבער. ער זאָגט דריי מאָל אין טאָג וְלַמַּלְשִׁינִים, [און] ער איז גאָרנישט דערשראָקן, וואָס הייסט פאַרוואָס, ער זאָגט אַליין.

און נאָך מער, ער זאָגט וְכָל הַמִּינִים כְּרֶגַע יֹאבֵדוּ, און טאָמער הערט ער איינער זאָגט עפּעס אַ שלעכט וואָרט אויף די מינים ווערט ער אנגעצינדן און ברוגז, [והקושיא עליו] דו אַליין האָסט זיי הערשט היצט געשאָלטן דריי מאָל אין טאָג און ס'אַרט דיך גאָרנישט, און אַז טאָמער זאָגט מען אַ שלעכט וואָרט, - נישט חלילה, נישט שעלטן, נאָר עפּעס אַ שלעכט וואָרט.

אַז מ'זאָגט: אַז זיי זענען נישט גערעכט. זיי האָבן נישט געברויכט טאָן, און [מ'זאָגט אַז] ערליכע אידן צדיקים זענען גערעכט געווען, אַז מ'זאָגט גאָר אויף די נסים [המדומים, אַז] זיי ווייזן נישט קיין נסים, נאָר אדרבה פאַרקערט ס'איז אַ נס אַז זיי עקזעסטירן און אידן לעבן נאָך, דאָס איז דאָס נס, - וואָרן זיי טוען דאָך אַזוי חלילה ס'זאָל זיין אַ סכנה, און מ'דאַרף ווייטער רחמים, - טאָמער זאָגט מען אַ שלעכט וואָרט איז ער ברוגז.

אלא מאי זעט אויס ער האַלט נישט גאָרנישט פון דער תפלה, ער האַלט נישט פון זיין תפלה און נישט פון יענעמס תפלה, ער איז נישט איבער־געשראָקן, ער מעג זאָגן וְלַמַּלְשִׁינִים און ער ווייסט ס'איז גאָרנישט, און ער איז ווייטער, ער קען ניטאַמאָל הערן אַז מ'זאָגט אַ שלעכט וואָרט, וויאַזוי איז דאָס.

צז

איך פלעג צו זאָגן אַ ווערטל, מ'צאָלט אַוועק אַזויפיל געלט פאַר אַ חזן אין די מאָדערנע שולן, - אינדערהיים [באייראָפּע קודם המלחמה] פלעג איך דאָס צו זאָגן, [על זה] וואָס מ'לאָזט נישט לערנען קיינער קיין קינד [בתלמוד תורה וישיבה], אַלעס האָט געלאָזט שטודירן די קינדער, - מ'שטעלט אַראָפּ דעם חזן [לומר יקום פורקן] און שרייט לְכָל קְהָלָא קַדִּישָׁא הָדֵין, זַרְעָא דִי לָא יִפְסוּק וְדִי לָא יִבְטוּל מִפִּתְגָּמֵי אוֹרַיְתָא. דער חזן שרייט געוואַלד פאַר גאַנץ קהל, ״אַלע זאָלט עטץ האָבן קינדער [וואָס] זאָלן קיינמאָל נישט אויפהערן צו לערנען״, לאָמיר זען עמיצער זאָל אָנטראָגן אַז מ'וויל ביי איינעם פועל'ן ער זאָל לאָזן לערנען אַ קינד ווערט ער אַ שונא דערפאַר, איז ער ברוגז.

[ולכאורה הוא פלא] ער וויל נישט לאָזן לערנען די קינדער, און דאָ צאָלט ער איינעם געלט ער זאָל אים כסדר שרייען אַז אַלע זאָלן זיי נישט אויפהערן צו לערנען די קינדער?!.

נאָר וואָס דען, זיי גלייבן נישט אין זיינע ווערטער [של החזן], זיי ווייסן אַז דאָס אַלעס איז גאָרנישט [אים מחייב], ס'איז הבל הבלים, ער מעג זאָגן ביז

KolSatmar.com

מאָרגן, [אָבער] אַז מ׳וויל טאַקע פועל׳ן ביי אים אמת׳דיג, איז ער ברוגז, ער וויל נישט לאָזן לערנען די קינדער, אָבער דאָס וואָס דער חזן זאָגט, דאָס ווייסט ער דאָך איז שקר וכזב ס׳איז לא היו דברים מעולם. באַצאָלט ער עס אפילו, ער באַצאָלט אים גוט, מ׳זאָל אים זאָגן דעם זַרְעָא דִי לָא יִפְסוּק וְדִי לָא יִבְטוֹל, ווייל ער ווייסט ס׳איז הבל הבלים ס׳איז גאָרנישט.

צח

היינט האַלט מען אַזוי מיטן ״ולמלשינים״, ער איז נישט דערשראָקן וואָס ער זאָגט דריי מאָל אין טאָג ולמלשינים, טאָמער וויל מען אים אָבער אמת׳דיג זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויף זיי איז ער ברוגז סכנת נפשות, איי דו האָסט דאָך געזאָגט ולמלשינים, דאָס ווייסט ער איז גאָרנישט. ״כ׳האָב געזאָגט? האָב איך געזאָגט!״. ער שרעקט זיך נישט איבער, ס׳איז ביי אים גאָרנישט, ער גלייבט נישט אין די תפלה, ס׳איז ביי אים גאָרנישט.

אַזוי מוז דאָך זיין, אַז נישט וואָס׳זשע דען, ער אַליין שרייט, און זאָגן טאָר מען נישט. ממה נפשך אָדער דו זאָגסט יאָ אָדער דו זאָגסט נישט?!

[דהנה בפסוק] יִתַּמּוּ חַטָּאִים (תהלים קד, לה) [דרשו חז״ל] חוטאים לא נאמר (ברכות י.), [אבל] ס׳שטייט נישט אין ולמלשינים ״חטאים״, אָדער ״ישובו בתשובה״, מ׳זאָגט גאָרנישט, נאָר **וְכָל הַמִּינִים כְּרֶגַע יֹאבֵדוּ**, קורץ און שאַרף!

און ער זאָגט דאָס וויפיל מאָל, און שטעלט נאָך אַראָפּ אַ חזן מיטן גאַנצן יוניפאָרם אויבעט, ער זאָל עס זאָגן, אַלדינגס טוט ער, [אָבער] טאָמער אַן אמת׳דיג וואָרט, אמת׳דיג אַז מ׳וויל עפּעס זאָגן, [אַז] זיי זענען נישט גערעכט אַז מ׳וויל נאָר זאָגן, איז סכנת נפשות, איז ער מוכן ומזומן איך ווייס אַליין נישט וואָס צו טוהן, דאָס גאַנצע איז געשטעלט אויף שקר, ס׳איז רעכט אַן עלמא דשיקרא, ס׳האָט זיך שוין אויפגעהערט דאָס גאַנצע [מדת אמת].

היינט אַז איינער פאַרגעסט צו זאָגן וְלַמַּלְשִׁינִים קאָן זיין איז שוין נישט מסלקין אותו, ווייל ער קען זיין אַן איש אמת, היינט איז ער גאָר אַן איש אמת אַז ער וויל נישט זאָגן, ווייל אַלע שקרנים זאָגן דאָך יאָ, זיי זענען מינים און אפיקורסים און זיי זאָגן, ס׳איז שוין פאַרקערט, גאָר אַ פאַרקערטע מעשה.

צט

תמצית הענין

**תמצית דערפון, מ׳דאַרף לויבן השי״ת בכל רגע ורגע וואָס דער בורא כל עולמים האָט געהאָלפן מ׳זעמיר ניצול געוואָרן.**

דער בורא כל עולמים זאָל ווייטער מציל זיין מ׳זאָל נישט אַריינפאַלן חלילה אין ממש מינות וכפירה, דאָס איז דאָס אַרגסטע שוין פון אַלדינגס, ס׳איז שוין דער עק חס ושלום, דאַרף מען דאָך נישט צו זאָגן, דאָס איבריגע צולייגן דאָס אויף קליינגעלט דאָס ענין, דאָס איז דאָך נישט אין פלאַץ היצט, קצר היריעה מהכיל.

**אָבער דער תוכן דערפון, אַז מ׳וויל זוכן דעם אמת קען מען טרעפן אין דער** תורה הקדושה, דער עיקר איז, די לבבות קצרות, דער שכל איז קורץ, אָבער

KolSatmar.com

מ׳זאָל וויסן אַ כלל גדול אַז וואָס צדיקים האָבן געזאָגט דאָס איז אמת ויציב, דאָס דאַרף מען צו וויסן.

און נאָך אַ גרעסערער כלל איז אַז וואָס רשעים זאָגן דאָס איז שקר, דאָס איז נאָך אַ גרעסערער כלל ווי דאָס, וואָרן זיי זענען נאָך מער קראַנטער מכוון אל האמת, ביי זיי איז נישטאָ קיין בעל דבר ער זאָל זיי דעם קאָפּ פאַרדרייען, אפשר ביי אַ צדיק קען אַמאָל אויסקומען אַמאָל דאָך, דאָך ער ווערט פאַרדרייט, אָבער רשעים זיי האָבן אָפּען, הבא לטמא איז פותחין לו (יומא לח:), זיי האָבן אָפּען אַלע שערים, זיי זעען, זיי האָבן אָפּענע אויגן, און דאָס איז זיכער אַז וואָס זיי זעען, דאָס איז היפוך התורה היפוך האמת.

## ק
## סיום התורה וברכת הקודש

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן: מ׳זאָל די זכיה האָבן - אַז מ׳איז ניצול געוואָרן - מ׳זאָל קאָנען עפּעס אויפטוהן פאַר׳ן כבוד שמים.

מ׳זאָל זיך האַלטן אין דרך התורה אין דרך האמת.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין, מ׳זאָלמיר זיין פון די מ׳זאָל קאָנען מקרב זיין גאולתינו ופדות נפשינו, נישט חס ושלום פון די וואָס זענען מעכב די גאולה און די ישועה, אַזוי ווי מ׳זעט כמעט דברים ברורים אַז ווען נישט די חברה, ווען נישט דאָס וואָס ס׳איז דאָ געשען העט מען געוועהן שוין געהאַלטן לאַנג נאָך דער גאולה.

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן טאַקע בְּקֶרֶב, מ׳זאָלמיר זוכה זיין טאַקע להרבות כבוד שמו יתברך, מ׳זאָלמיר זוכה זיין במהרה צו די גאולה שלימה.

דאָס זאָל ברענגען ס׳זאָל עפּעס זיין אַ תכלית, וואָס ס׳איז געבליבן לשארית נחלתו[נו], ס׳זאָל בלייבן אידן.

מ׳זאָל די זכיה האָבן מ׳זאָל קאָנען מקבל זיין פני משיח צדקינו און דאָס גאַנצע דור וואָס וועט מיטקומען מיט׳ן מלך המשיח. ס׳שטייט דאָך די אַלע פריערדיגע דורות די אַלע וועלן מיטקומען, דאָס גאַנצע דור המדבר מיט משה רבינו׳ן, מ׳זאָל די זכיה האָבן מ׳זאָל זיך קאָנען צוכאַפּן.

מ׳זאָלמיר דבוק זיין אין דרך התורה, און אין דרך האמת, בקדושה ובטהרה.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין צו זען בישועת כל ישראל ושמחתן ובהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

---

[נו] **לשון קדשו של רבינו** (בס״ג פרשת וישלח תשי״ז, לשון קדשו אות לו, לז, ק): ס׳שטייט (מיכה ז, יח) [נֹשֵׂא עָוֹן וְעֹבֵר עַל פֶּשַׁע] לִשְׁאֵרִית נַחֲלָתוֹ, דרשנ׳ט די גמרא (ר״ה יז.) למי נֹשֵׂא עָוֹן וְעֹבֵר עַל פֶּשַׁע, לִשְׁאֵרִית, למי שמשים עצמו כשיריים, מ׳מאַכט זיך כשיריים מ׳איז ביי זיך נידעריג. דאָס איז אפשר דער רמז וְהָיָה הַמַּחֲנֶה ״הַנִּשְׁאָר״, די וואָס זענען משים עצמן כשיריים, מ׳גייט נישט בגובה לבם, מ׳זוכט נישט קיין גדולות ונפלאות, די בלייבן לִפְלֵיטָה... האט ער מתפלל געווען וְהָיָה הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר, לִשְׁאֵרִית נַחֲלָתוֹ, די מחנה וואָס זענען ביי זיך צובראָכן, צובראָכן און צוקרישעט, די צובראָכענע הערצער, מ׳איז משים עצמן כשיריים. מ׳קוקט זיך אָן מ׳איז איבערגעבליבן פון די פריערדיגע דורות, וואָס זענען געווען מָלֵא חָכְמָה וּמַדָּע, מלא יראת שמים מיט מלא אהבת ה׳, מ׳איז דבוק געווען אין בורא כל עולמים און די תורה הקדושה. איבערדעם האָט יעקב אבינו דאָס אַלעס אָנגעגרייט וְהָיָה הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר לִפְלֵיטָה.

KolSatmar.com